STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03575

DI BIOGRAFYE FUN HON. PAUL BERNTSVAYG

Yitshak Shehn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
ביאגראפיע
פון
האָן.

פאול בערנצווייג

גערשריבען ביי
חזן יצחק שעהן

Published by
THE PROGRESSIVE PRINTING COMPANY
Cleveland, Ohio
1942

האָנאָראַביל פּאָול בערנצווייג

פאָרעדע: פון דעם מחבר

וועןְ אַ קאָמיטע פון אָנגעזעהענע מענשען האָבען זיך צו מיר געווענדעט אַז איך זאָל שרייבען די ביאָגראַפיע פון האָנ. פּאָול בערנצווייג, האָב איך עס באַטראַכט פאַר אַ כבוד און פאַר אַ פליכט אָנצונעמען דעם אָנבאָט — צוליב פאַרשידענע אורזאַכען.

ערשטענס — ווייל איך פּערזענליך גלויב און בין איבערציינגט, אַז יעדער מענש, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען אַ קאַריערע אויף אירגענד וועלכען געביט, האָט פריהער מיטגעמאַכט אינטערעסאַנטע ערפאַהרונגען אין לעבען.

צווייטענס — אַ מענש פון'ם פאָלק, וועלכער ווידמעט זיין צייט און הילף לטובת הכלל פאַרדינט עס עהרליך, אַז די וועלט זאָל אויך וויסען דערפון און זיין נאָמען זאָל פאַראייביגט ווערען.

דריטענס — ביי היינטיגע צייטען, ווען דאָס אידישע פאָלק געהט צוריק, ווען אונזער אידישע שפּראַך און שריפט ווערט פאַרניכטעט פון דרויסען און פאַרנאַכלעסיגט פון אינוועניג צווישען אונז אידען אליין — איז אַ בוך, געשריבען אין אידיש און פאַרשפּרייט אין טויזענטער היימען, אַן אומשעצבאַרער געווינס פאַר'ן אידישען פאָלק.

עס קומט אַ גרויסער יישר כח סיי די קאָמיטע און מר. בערנצווייג אליין, פאַר דרוקען דעם בוך אין אונזער מאַמע לשון, צו וועלכער איך האָב די הייסטע באַציהונג און איז ביי מיר איינגעבאַקען אין הארצען.

יעדער איינער, וואָס אינטערעסירט זיך און לייענט ביכער ווייסט, אַז צו דרוקען אַ בוך אין ענגליש זיינען די קאָסטען פיל ווייניגער און די

מעגליכקייטען — דאָס פעלד פון פּאַרקויף — פּיל גרעסער ווי אין אידיש, און דאָך האָט די קאָמיטע צוזאַמען מיט מר. בערנצווייג איינגעוויליגט, אַז צוערשט זאָל דער בוך גדרוקט ווערען אין אידיש, און די ענגלישע אויסגאַבע זאָל ערשיינען שפּעטער.

דריק איך אויס צוביידע מיינע טיפסטע אַנערקענונג און הארציגען דאַנק פאַר דעם שריט און פאַר זייער באַציהונג צו דער אידישער שפּראַך.

איך האָב דעם בוך — סיי דעם ביאָגראַפישען טייל און אויך די אַנ־דערע אָפּהאַנדלונגען און געדאַנקען געשריבען כמעט ווערטערליך, ווי עס איז מיר דערצעהלט געוואָרען פון מר. בערנצווייג אַליין — און איך האָב עס טאַקע געשריבען דערפאַר אין דער ערשטער פּערזאָן.

מר. בערנצווייג, אויף וויפיל איך קען איהם און געהערט פילע מענ־שען ריידען וועגען איהם, פאַרנעמט אַ חשוב'ען פּלאַץ צווישען קליוולאַנ־דער אידען. אויף דעם געזעלשאַפטליכען, רעליגיעזען און עקאָנאָמישען געביט איז ער גוט באַוואוסט און האָט פילע פאַרדינסטען אויף דיזע גע־ביטען.

די לעבענס געשיכטע, וואָס ווערט אין דעם בוך איבערגעגעבען, באַלאַנגט נישט צו די ביליגע סענסאַציאָנעלע אויפרעגונגען, וועלכע ווערען מייסטענס אריינגעפּלאָכטען אין אַזעלכע סאָרטען ביאָגראַפיעס.

אין דיזער ביאָגראַפיע זעהען מיר אַ אידען — אַ קינד פון אונזער פאָלק, וועלכער האָט איינגעוואַנדערט פון אַ קליין שטעדטעל אין פּוילען. אין זיין פריהסטער יוגענט האָט ער דורכגעמאַכט „קאַלטס און וואַרעמס“ אויף דעם וועג פון לעבען, און איז נישט פאַרכאַפּט געוואָרען פון קיין אַסימילאַציע גייסט — נישט געוואָרען קיין „אויס־איד“, כאָטש ער איז געוועזען אַ סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמעע, און כאָטש ער איז נעקו־מען אין באַריהרונג מיט עכטע אַמעריקאַנער געשעפטסלייט און געזעל־

שאַפטען — איז ער דאָך פאַרבליבען דער הייסער איד, וועלכער ליבט די אידישע שפּראַך, ליבט צו געהן אין שוהל, לעבט און אָטעמט מיט אידיש־קייט אויף יעדען שריט און טריט — אין פּריוואַטען לעבען, אין זיין טאָג־טעגליכען געשעפטס־לעבען, און אין יעדען באַוואוסטזיניגען מאָמענט פון זיין עקזיסטענץ — איז ער אַ איד . . .

קיין פאַרמעגען, קיין רייכטום האָט איהם נישט געקענט און איז נישט געוועזען בכח צו פאַרפיהרען און אָפּרייסען פון דעם שורש, פון דעם אידי־שען גרונדצוויג אין וועלכען ער איז געבוירען געוואָרען.

אַ איד, וועלכער האָט בייגעקומען דעם נסיון און איז נישט געשטוי־כעלט געוואָרען, האָט עס אפשר מעהר פון אַנדערע עהרליך פאַרדינט, אַז זיין לעבען זאָל זיין אַן „אָפענער בוך“ וועלכען אַנדערע נאָך איהם זאָלען אויך לייענען און זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל, אַז מען קען, בלייבענדיג אַ איד, אויך דערגרייכען צו רייכטום און צו אַ בכבוד'יגען אָרט אין דער געזעלשאַפט.

חזן יצחק שעהן.

איינליטונג

יאָהרען לאַנג האָב איך זיך ארומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק ארויסצוגעבען מיין לעבענס געשיכטע אין בוך־פאָרם, איך האָב אָבער אַלץ געטראַכט: „וועמען וועט אינטערעסירען וואָס איך האָב געזעהן אָדער מיטגעמאַכט אין לעבען? ווער וועט עפּעס געניסען אָדער לערנען דערפון?"

איך בין אָבער ענדליך געקומען צום באַשלוס, אַז יעדער מענש איז אַ בוך פאַר זיך און אַ וועלט פאַר זיך.

ווי זאָגט דער קלוגסטער פון אַלע מענשען, שלמה המלך: „מכל מלמדי השכלתי" — יעדער מענש ווייסט עפּעס און האָט געזעהן עפּעס וואָס דער צווייטער ווייסט נישט און איינער לערנט פונ'ם צווייטען.

אין מיין קאַריערע אַלס געשעפטס־מאַן, קומענדיג אין באַריהרונג מיט פאַרשידענע מענשען—אידען און ניט אידען — סיי אויף דעם געשעפט־ליכען געביט און אויך אין געזעלשאַפטליכען לעבען — האָב איך פיל מיט־געמאַכט און זעהר פיל געלערנט אין לעבען. דער וועג מיינער פון אַן אָרימען יונגען בחור'ל פון דעם קליינעם שטעדטעל אין פוילען, ביז צום איצטיגען פונקט, וואו איך ווער באַטראַכט אַלס אַן ערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן, איז געווען אַ לאַנגער און אויסגעלייגט מיט דערנער.

דער קאַמף פאַר'ן דאַ־זיין איז געווען אַ שטאַרקער און נישט איינמאָל איז דער הימעל געווען פאַרוואָלקענט אַזוי, אַז קיין שטיקעל זונענשטראַהל האָט זיך ניט ארויסגעזעהן.

אָבער קיין מענש טאָר נישט אויפגעבען דעם מלחמת הקיום, און

אין די שוואַרצסטע טעג טאָר אַ מענש נישט פאַרלירען זיין האָפנונג — נאָר געהן ווייטער און ווייטער ביז ער דערגרייכט צום פּונקט, וואו זיין האַרץ ציהט איהם.

אַט די אידישע מידה פון בטחון און קאַמף האָט מיך געפיהרט כסדר און מיר געגעבען כח און מוט זיך צו דערשלאָגען צו אַ געוויסער פּאָזיציע אין לעבען.

איך וועל אין דעם בוך, ווי ווייט עס איז מיר מעגליך, איבערגעבען אַלע מיינע ערפאַהרונגען אין לעבען, און פיליכט וועט עס דינען אַלס אַ מוסר השכל צו אַנדערע פון מיין שטאַנד און זיי וועלען אין דעם געפינען עפּעס וואָס וועט זיי צונוץ קומען.

פּאָול בערנצוויג.

איך קום קיין אַמעריקאַ

איך װעל אָנפאַנגען פון דער צייט װען איך בין אַלט׳ 16 יעהריגער אינגעל, פול מיט אַמביציע, פול מיט יוגענט־פייער אין מיין הארצען אװעק פון מיין געבורטס־שטעדטעל בעלכאַטאָװ, פּױלען, אין דער גרויסער װייטער אומבאַקאַנטער װעלט. אויב איהר װילט דוקא װיסען עפּעס װעגען מיין לעבען ביז צו דער צייט, האָב איך נישט פיל צו זאָגען, און עס װעט זיין גענוג בלויז צו דערמאָנען, אַז מיין טאַטע איז געװען אַ װאוילער איד און אַ גרויסער אָרימאַן . . . מיין מאַמע איז געװען אַ כשר׳ע אידישע טאָכטער און האָט ארויסגעהאָלפען מיין טאַטען אין זיין אָרימקייט מיט 7 קינדער — זעקס אינגלעך און איין מיידעל.

פאַרשטעהט זיך, אַז קיין צו גרויסע גליקען האָב איך נישט געזעהן און נישט געקענט ערװאַרטען ביי מיין טאַטען — נישט איך און נישט מיינע ברידער און שװעסטער.

מיין עלטסטער ברודער איז אװעק דער ערשטער אין דער װייטער װעלט, אַזש קיין קענעדע, און ער האָט מיר געשיקט אַ שיפסקאַרטע צו קומען אַהין. עס איז מיר אַזוי געװען אָנגעצייכענט פון אויבען, אַז קומענדיג אין קענעדע, בין איך פאַרפאָהרען צו מיין ברודער, װעלכער האָט געװאוינט אין אַ פאַרװאָרפענער געגענט װי אין אַ װאַלד. ער האָט געאַרבייט אויף אַ קליינע פאַרם אויף װעלכען עס האָבען זיך אַרומגעדרעהט עטליכע קיה און עטליכע היהנער האָבען אָנגעמאַכט אַ טומעל. מיין ברודער און מיין שװעגערין האָבען זיך זעהר דערפרעהט מיט מיר און מען האָט מיך זעהר פיין אויפגענומען.

פון דער ערשטער מינוט אָן װאָס איך בין אָנגעקומען צו מיין ברודער

אויפ'ן פּארם, האָב איך אָפּגעמאַכט אין מיין גערדאנק, אז צו לאנג וועל איך דאָ נישט פארבלייבען. ווייל, אויב איך האָב אין מיין געברוטס־שטעדטעל נישט געזעהן קיין האָפנונג פאר א צוקונפט פאר מיר, האָב איך עס דאָ אויף דעם פּארם נאָך וווועניגער געקענט דערגרייכען.

מיין ערשטער „דזשאָב“ וואָס איך האָב געקראָגען און מיט וועלכען מיין שוועגערין האָט מיך מכבד געווען איז געווען — צו שעכטען טשיקענס. נאָר וועגען דעם שפּעטער.

איין זאך מוז איך דאָ באמערקען איידער איך געה אָן ווייטער מיט מיין לעבענס־געשיכטע — אז טיף אין הארצען איז ביי מיר פון מיין פריהסטער יוגענד געלעגען באהאלטען א געדאנק, אז אויב איך וועל נאָר האָבען אמאָל די געלעגענהייט אָנצופאנגען עפּעס א מסחר וועל איך אָנ־ווענדען מיין גאנצע ענערגיע אויף צו זיין ערפאָלגרייך, נישט אָפּשטע־לענדיג זיך אויף קיינע שוועריגקייטען אָדער אנטוישונגען. הפּנים, אז אזוי ווי מען מוז באזיצען א געבוירענעם טאלאנט צו זינגען, שפּילען, מאלעריי, א. ז. וו., אזוי מוז מען באזיצען א געבוירענעם טאלאנט צו „ביזנעס“. אין וואָס דער דאָזיגער טאלאנט באשטעהט האָב איך נאָך דאן גענוי נישט פארשטאנען. דאן האָב איך געגלויבט, אז „הכל תלוי במזל“ — אלץ העננט אָפּ אין מזל. איך גלויב היינט אויך אין מזל, אָבער מיט מיין היינטיגען גלויבען, פארשטעה איך דאָס וואָרט „מזל“ לויט ווי עס ווערט ערגיץ־וואו געטייטשט אין אונזערע הייליגע ספרים — „מזל“ מיינט מקום—זמן—לעשות — מען דארף טאָן יעדע זאך אויף דעם ריכטיגען אָרט — אין דער ריכטיגער צייט, און דער עיקר „לעשות“, מען דארף טאָן, און די דריי זאכען צוזאמען שאפען מזל.

פילע מאָל נאָך אלס קינד האָב איך געהערט ווי מענשען האָבען גע־מאכט די באמערקונג וועגען מיר:

„ער וואַקסט אַ סוחר".

מן הסתם האָבען די דאָזיגע מענשען באַמערקט, אַז איך פאַרמאָג געוויסע פעהיגקייטען צו „ביזנעס". דער עיקר איז, אַז איך האָב געפיהלט אין זיך, פּילייכט אינסטינקטיוו, אַז מיין באַרוף אין לעבען איז האַנדלען. איך קען נישט זאָגען, אַז דער געפיהל פון האַנדלען האָט ביי מיר אין הארצען געהאַט דעם אָפּקלאַנג בלויז פון טרוקענע, פּראָזאַאישע, אָדער רופּט עס מאַטעריאַליסטישע יסודות — אַז בלויז דאָס מאַכען געלט האָט מיך געטריבען דערצו. ניין, טיף ביי מיר אין הארצען האָט דיזער טאַלאַנט, אָדער אינערליכער דראַנג צו „ביזנעס" אויך ביז צו אַ געוויסער מאָס געוועז פאַרוואָרצעלט מיט אידעאַליזם. צוזעהענדיג די גרויסע אָרימקייט ביי מיין טאַטען אין הויז און ביי די מעהרסטע אידען פון מיין שטעדטעל, האָט זיך גראַדענווייז ביי מיר אַנטוויקעלט אַן אידעאַל, צו העלפען מענשען צו פאַרלייכטערען זייערע ליידען.

איך קריג קבלה אויף שחיטה פון מיין שוועגערין

די ערשטע פראַגע האָט זיך ביי מיר אין גערדאַנק געשטעלט: וואָס וועל איך טאָן דאָ אויף דיזער פּאַרוואָרפענער פאַרם? צו וואָס קען זיך דאָ נעמען אַזאַ יונגער אינגעל ווי איך בין?

פרעגען מיין ברודער אָדער ביי מיין שוועגערין האָב איך זיך גע־שעהמט, און דערצו נאָך האָב איך גערעכענט, איך בין דאָך ערשט אָנגע־קומען, וועל איך זיך דערווייל אָפּרוהען פון דער רייזע, דאַן וועל איך זעהן.

אויף דעם צווייטען טאָג נאָך מיין קומען צו מיין ברודער, רופט זיך אָפּ מיין שוועגערין צו מיר:

— הער „פּאָול", איך וועל דיר געבען אַ ביסעל ארבייט, אַזוי ווי דאָ איז נישט פאַראַנען קיין שוחט און מען דאַרף געהן מיילען ווייט אויף צו קריגען איינעם, וויל איך דיך בעטען מיר טאָן די טובה און שעכטען די טשיקענס.

אַז איך האָב דאָס דערהערט האָב איך פון אָנפאַנג געמיינט, אַז עס איז אַ שפּאַס. זי מאַכט חוזק פון מיר, וואָס הייסט איך זאָל שעכטען טשיקענס? וואָס בין איך אַ שוחט?

מיין שוועגערין איז אָבער צוגעשטאַנען צו מיר און מיך גענומען סטראַשען, אויב דו וועסט עס נישט טאָן, וועל איך דיך לאָזען צוריק־שיקען פון וואַנען דו ביזט געקומען . . .

דערהערט אַזעלכע רייד, האָב איך זיך גאַנץ פיין דערשראָקען, און טראַכט ביי זיך: מילא, וואָס זאָל איך טאָן? איידער צוריקפאָהרען קיין בעלכאַטאָוו איז שוין בעסער צו זיין אַ שוחט . . . „אָבער" — האָב איך גענומען טענה'ען צו מיין שווענערין — אַ שוחט דאַרף דאָך האָבען קבלה? מען דאַרף האָבען אַ חלף!

„נו" — גיט זי אַ מאַך, וועל איך דיר געבען קבלה און אַ חלף! איז נישט געפעהרליך, אַז דו וועסט נוצען אַ שאַרפען מעסער — ווער וועט דען זעהן? עס האָט נישט געהאָלפען מיינע טענות, זי האָט מיר דער־לאַנגט אַ שאַרפען קיך־מעסער און אַ טשיקען און איך נעם זיך צו דער אַרבייט . . . פילע מאָל האָב איך געזעהן אין אונזער שטעדטעל ווי דער שוחט קוילעט טשיקענס און איך האָב געוואוסט ווי אַזוי מען נעמט אַ טשיקען און מען גרייט זי צו צו דער שחיטה — אָבער קיין בלוט האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרליידען.

איך האָב גענומען די אומשולדיגע טשיקען אין האַנט אַריין און עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן ווען די אָרימע טשיקען האָט זיך אָנגעהויבען וואַרפען, האָב איך אויס רחמנות גענומען גיסען טרעה־רען . . . אויף אַזאַ ברוך הבא האָב איך זיך נישט געריכט.

נאָך שווערע מאַטערניש האָב איך די טשיקען אַוועקגעשיקט אויפ'ן עולם האמת . . . נאָר בשעת מעשה האָב איך געבעטען גאָט ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר מיין פאַרברעכען, וואָס איך האָב באַגאַנגען. אָבער צום פלייש פון טשיקען האָב איך זיך נישט צוגעריהרט.

די גאַנצע זעקס מאָנאַטען וואָס איך בין געוועזען אויף דער פאַרם, האָב איך פראַקטיצירט שחיטה און אַרויסגעהאָלפען אין די אַלגעמיינע אַר־בייט אויפ'ן פאַרם.

אָבער איין זאַך האָב איך יאָ געלערנט פון דיזער ערפאַהרונג, און

דאָס איז מיר צונויז געקומען אין מיינע שפּעטערע יאָהרען — אז א מענש מוז זיך צופּאַסען צו אַלע אומשטענדען און — אויב איהר דאַרפט אַמאָל אין לעבען טאָן געוויסע זאַכען וועלכע זיינען נישט אַנגענעם פאַר אייך, אָדער איהר זייט עס געצוואונגען צו טאָן — זוכט די פאַרשידענע זייטען דערפון, ווייל ערגיץ־וואו ליגט א געוויסער פּונקט אין יעדער פּאַסירונג, וועלכע לערנט אייך עפּעס.

פון אָט דער ערשטער ערפאַהרונג מיינען אַלס „שוחט" מיט מיין שווענערין'ס „קבלה" — ווי יונג און אומערפאַהרען איך בין דאַן געווען, האָב איך געפונען דערין, ערשטענס: אז מיט א ביסעלע מעהר קוראַזש, אָדער ווי מען רופט עס אין אַמעריקא „נוירוו" האָב איך טאַקע געקענט אין א נויטפאַל ווערען א „שוחט", ווייל עס זיינען פאַראַנען גענוג פּלע־צער וואו מען פרעגט ביי אייך קיין קשיות, וואו איהר האָט געלערנט און וויפיל איהר קענט, אַבי איהר האָט גענוג „נוירוו" קענט איהר זיך אונטערנעמען צו זיין א „רב" אָהן תורה, א סוחר אָהן סחורה, און א „שוחט" אָהן קבלה און אָהן א חלף.

צווייטענס: האָב איך געלערנט נאָך א זאַך דערפון — אז פאַרשי־דענע זאַכען וועלכע פּאַסירען מיט א מענשען דאַרף ער נישט ווערען איבעראַשט, ווייל אַלעס קען פּאַסירען. די וועלט איז צונויפגעשטעלט פון מענשען און יעדער מענש איז א קליין וועלטעלע פאַר זיך, און עס איז אינטערעסאַנט.

איך קום אין די יונייטעד סטייטס

אָפּזייענדיג זעקס מאָנאַטען אויף דעם פאַרם, האָב איך זיך ענדליך דערזעהן אויף דער „טרעין" פאָהרענדיג אין די יונייטעד סטייטס.

פון דער מינוט אָן, וואָס איך בין אַוועק פון דער פאַרם, האָב איך געפיהלט ווי איינער, וואָס איז געזעסען אין תפיסה און ווערט פּלוצים באפרייט. אזוי האָב איך אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב פארלאָזען די פּארוואָרפענע פאַרם, געפיהלט.

קיין באשטימטע פּלענער, וואָס איך וועל טאָן אין מיין נייעם פּלאַץ, האָב איך נישט געהאַט, און דעם אמת גערעדט, האָב איך דאָן צופיל נישט געטראַכט דערפון, ווייל ווֶעמען זיינען געלעגען אין זינען פּלענער? אבי זיך ארויסגעריסען פון „תפיסה". מן הסתם, האָב איך געטראַכט, אַזאַ יונגערמאַן, פול מיט לעבען און אַמביציע, וועט נישט פארלוירען געהן אין דער גרויסער און רייכער אַמעריקא.

מיין ברודער און זיין פאַמיליע זיינען צו דערזעלבער צייט אויך אַוועק פון פאַרם און מיר זיינען צוזאַמען געקומען אַהער. און דאָס איז אפשר געווען מיין מזל, וואָס מיין ברודער האָט אויך געמוזט פארלאָזען די פאַרם. ווען נישט דאָס, ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך עס וואָלט מיר אויסגעקומען זיך צו מוטשען אין דעם פּארוואָרפענעם ווינקעל.

געקומען זיינען מיר קיין קליוולאַנד. ווען איך האָב דערזעהן די שטאָדט איז מיר געוואָרען ליכטיג אין מיינע אויגען. איך האָב דער-זעהן די ליכטיגע וועלט — מענשען, הייזער, סטריט קאַרס. אָט גיב איך

א טראכט, וועל איך כאָטש לעבען צווישען מענשען, זיך באַוועגען ווי א מענש, זיך באַגעגענען מיט פאַרשידענע מענשען, און זיך קענען נעמען צו עפּעס ממשות'דיג. דאָס איז געווען אין דעם יאָהר 1914, דריי מאָנאטען פאַר דער ערשטער וועלט־קריג — דאָס לעבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז צו יענער צייט געווען פיל אַנדערש ווי איצט. דאָס געזעלשאַפטליכע, עקאָנאָמישע און רעליגיעזער צושטאַנד האָט פיל אַנדערש אויסגעזעהן ווי היינט.

ערשטענס, איז אַלעס געווען שפּאָט ביליג. צווייטענס, זיינען די מעגליכקייטען אויף זיך ארויפצואַרבייטען געווען פיל גרעסערע דאַן, ווי עס איז איצט. דאָס אידישע רעליגיעזע לעבען האָט זיך געמערקט אויף שריט און טריט.

דאַן איז עס געווען די גלאַנץ פעריאָדע פון אידישען לעבען און אידישע טעטיגקייטען, ווייל דער שטראָם פון אימיגראַנטען פון יענער זייט ים איז דאַן געווען אין פולען שוואונג. און זייענדיג אָנגעזאַפּט מיט אידישקייט, מיט אידישען גייסט, האָבען די אידישע איינוואַנדערער מיט זיך מיטגעבראַכט די אַלטע היימישע אַטמאָספערע און עס איבערגעפלאַנצט אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען.

עס האָבען זיך געגרינדעט פילע לאַנדסמאַנשאַפטען אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געטראָגען די נעמען פון די שטעדטלך פון וואַנען זיי זיינען געקומען און טאַקע פאַרקערפּערט אין זיך דעם היימישען גייסט. עס האָבען זיך געעפענט פיינע אָרטאָדאָקסישע שוהלען, וועלכע האָבען געאָטעמט מיט קדושה. די שוהלען זיינען געווען געפּאַקט מיט מתפללים. מיט איין וואָרט, עס האָט צייטענווייז זיך געקענט אויסדוכטען, אז איהר געפינט זיך אין דעם קליינעם שטעדטעל וואו איהר זייט געבוירען געוואָרען. איך מוז דאָ באַמערקען, אז כאָטש איך בין נאָך דאַן געווען זעהר יונג, פונדעסטוועגען האָט די דאָזיגע אַטמאָספערע, די אמת אידישע סביבה, גע־

מאַכט אויף מיר אַ שטאַרקען איינדרוק, ווייל נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיין טאַטע איז געווען אַן אָרימער שניידער אין אַ קליין שטעדטעל, האָט ער אָבער געפיהרט אַ שעהנעם אידישען לעבען און געלאָזען לערנען די קינדער און איינגעפלאַנצט אין זיי אידישקייט. און ווי זאָגען אונזערע חכמים: „גירסא דינקותא דלא משתכחה", וואָס איך האָב געלערנט און וואָס מען האָט אין מיר איינגעפלאַנצט אין מיינע קינדער יאָהרען, איז אין מיר פאַרבליבען ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג. דורך די אַלע יאָהרען, וואָס איך בין דאָ אין אַמעריקא, זייט מיין פריהערע יוגענד, איז אויף אַ מינוט פון מיינע אויגען נישט פאַרשוואונדען דאָס בילד פון דעם שעהנעם, ריינעם, עהרליכען אידישען לעבען, אין וועלכען איך בין אויפגעצויגען געוואָרען ביז צו דעם עלטער ווען איך בין אוועק פון דאָרטען אין דער וייטער וועלט. און, דערפאַר, אַז איך בין אַנגעקומען דאָן אין קליוולאַנד און דאָ געטראָפען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם היימישען שטעדטעל, איז ביי מיר אין האַרצען געוואָרען פרעהליך, אין מיינע אויגען איז געוואָרען ליכטיג, און איך האָב געפיהלט גלייך ווי איך וואָלט מיטאַמאָל דערזעהן מיין טאַטע־מאַמע פון וועלכע איך בין פאַר אַ צייט אָפּגעריסען געוואָרען.

עס ברעכט אויס די וועלט מלחמה

אַ קורצע צייט נאָך מיין אָנקומען אין קליוולאַנד האָט אויסגעבראָכען די ערשטע וועלט מלחמה, — און ביסלעכווייז איז אַמעריקא אַריינגעצויגען געוואָרען אין פּראָספּעריטי — אַמעריקא האָט אָנגעפאַנגען צו פּראָדוצירען קריגס מאַטעריאַלען פאַר די מלחמה־האַלטענדע לענדער. און פאַר אַזאַ יונגען חברה מאַן ווי איך בין דאַן געווען איז לייכט געווען צו קריגען אַרבייט, ווייל מען האָט געזוכט אַרבייטער מיט ליכט.

מיי ערשטער דזשאַב

דורך א רעקאָמענדאַציע האָב איך באַקומען א דזשאַב אין א קלאָוקס און סוטס פעקטאָרי — מיט א געהאַלט פון 5 דאָלאַר א וואָך — מיין אר־בייט איז געוועזן צו טאָן אַלעס וואָס מען וועט מיך הייסען. אָבער מיין ריכטיגער צוועק איז געווען אויסצולערנען זיך די טרייד און די ביזנעס. איך האָב פלייסיג געאַרבייט און בין געווען זעהר געטריי צו מיין בעל הבית.

געוואוינט האָב איך ביי מיין ברודער און געצאָהלט 4 דאָלאַר א וואָך באָרד. מיין שוועגערין האָט געוואָלט נישט אַנדערש נאָר אַז איך זאָל איהר אוועקגעבען די גאַנצע 5 דאָלאַר, דאַסמאָל האָט זי אָבער נישט אויס־געפיהרט. „וואָס מיינסטו?" האָב איך צו איהר געזאָגט, „אַז דאָס איז אויפ'ן פאַרם? פאַר א שוחט האָט מען מיך געקאָנט מאַכען, אָבער פאַר א נאַר, דאָס נישט." און איך האָב זיך אַרויסגעצויגען פון איהר הויז. ביסלעכווייז האָב איך זיך אַרויפגעאַרבייט און פאַרדינט אַלץ מעהר און געשפּאָרט א סענט צו א סענט, ביז איך האָב שוין געהאַט מיינע אייגענע 300 דאָלאַר.

וואָס ווייטער, האָב איך אַלץ מעהר חשק באַקומען צו געהן אין ביזנעס פאַר זיך און שטילערהייט האָב איך אָנגעפאַנגען צו פּלאַנעווען ווי צו ווערען א ביזנעסמאַן.

אין א געוויסען טאָג האָב איך באַמערקט ביי מיין בעל הבית אין דער פאַבריק זיינען געהאָנגען אין א ווינקעל עטליכע הונדערט סקווירטס. איז מיר איינגעפאַלען, אַז איך וועל פּרובירען מזל — איך וועל אָפּקויפען ביי מיין בעל הבית עטליכע טוצען פון די סקווירטס און אַרויסגעהן פּעד־לען צווישען מיינע באַקאַנטע. דורך דער צייט האָב איך זיך ערוואָרבען

פילע פריינד און באַקאַנטשאַפט. ווען איך האָב עס דערצעהלט מיין בעל הבית, איז איהם אויך שטאַרק געפעלען געוואָרען מיין פּלאַן. ער האָט מיר פאַרקויפט צוויי טוצען פון די סקוירטס, צו צוויי דאָלאַר א שטיק.

איך בין ארויסגעגאַנגען מיט מיין וואַרע און אין עטליכע שטונדען צייט האָב איך אויספאַרקויפט מיין גאַנצען סטאָק צו 5 און 6 דאָלאַר א שטיק. איך בין גלייך צוריק געלאָפען צו מיין בעל הבית און גענומען נאָך עטליכע טוצען און ווייטער פאַרקויפט.

דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען, וואָס איך האָב פאַרזוכט דעם טעם פון צו זיין א געשעפטס מאַן, און מיין פרייד איז דאַן געווען אומגעהויער גרויס. ערשטענס, טאַקע צוליב די געלט וואָס איך האָב געמאַכט, און צווייטענס, האָב איך זיך פיל־וועניגער איבערצייגט, אז איך האָב טאַלאַנט צו ביזנעס.

איך מוז דאָ באַמערקען, אז אין דער צייט ווען איך בין ארום פּעדלען מיט די סקוירטס זיינען דיזעלבע נישט געווען אין דער מאָדע; דער־פאַר בין איך זעהר איבערראַשט געוואָרען ווען אין א געוויסען פריה־מאָרגען, ווען איך בין אריינגעקומען צו מיין בעל הבית און ביי איהם גע־וואָלט אָפּקויפען דעם גאַנצען סטאָק סקוירטס, האָט ער זיך אָנטזאָגט מיר עס צו פאַרקויפען. אז איך האָב איהם געפרעגט די אורזאַך, האָט ער מיר ערקלעהרט, אז דיזעלבע סקוירטס זיינען צוריק אריין אין דער מאָדע און ער באַדאַרף זיי אליין האָבען. איך בין אָבער צו איהם צוגעשטאַנען און נישט אָפּגעלאָזען ביז איך האָב ענדליך אויסגעפיהרט, און ער האָט מיר פאַרקויפט דעם גאַנצען לאָט, אָבער מיט א קוואָדער טייערער — דאָס הייסט, $2.25 א שטיק.

עס האָט גענומען א צייט און איך האָב געמאַכט 3000 דאָלאַר.

איך ווער אַ סאָלדאַט

אז עס האָט זיך אונטערגערוקט דער יאָהר 1917, און אַמעריקא איז אריין אין קריג, בין איך געדרעפטעט געוואָרען אין דער אַרמעע. איך בין דאַן אַלט געווען 20 יאָהר. אַזוי ווי איך האָב געקענט שניידעריי, האָט מען מיך אָפּגעגעבען אין אַ אָפיצערסקען שניידעריי — אַ ווערקשטאַט וואו מען האָט געפּיקסט די אָפיצערסקע יוניפאָרמס און מונדירען.

עס איז מיר גאַנץ גוט געגאַנגען דאָרטען, אַלע האָבען מיך ליב געהאַט — ווייל דאָס איז אייגענטליך אַלעמאָל געווען מיין פּרינציפּ — צו מאַכען זיך פריינד און טרייען זיך באַליבט צו מאַכען ביי מענשען.

אַ געוויסער שרייבער, דעיל קאַרנעגי, האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געדרוקט אַ בוך אין ענגליש, „האו טו געט עלאָנג וויטה פּיפּל" — „ווי אַזוי מען דאַרף אויסקומען מיט מענשען". דיזער בוך איז איין צייט געוואָרען דער בעסט־פאַרקויפטער בוך אין אַמעריקא. דער בוך האָט נישט אַנטדעקט קיין נייע וועלטען, ער ענטהאַלט נישט קיין טיפע פילאָזאָפיע, און קיין פאַנטאַסטישע געדאַנקען. ער איז אָבער פון פּראַקטישען ווערט פאַר יעדען איינעם, וועלכער זוכט צו מאַכען סוקסעס אין לעבען. דעם הויפּט געדאַנק פון דעם בוך האָב איך פּראַקטיצירט איידער איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אַזאַ בוך איז געדרוקט געוואָרען, און איידער דער פאַרפאַסער האָט אפשר אין זינען געהאַט אַזאַ בוך צו דרוקען.

איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דער ערשטער שטאַפּעל צו סוקסעס איז — אויסצוקומען מיט מענשען און געווינען זייער צוטרוי און פריינדשאַפט. און מיט דיזען „סלאָגאַן" — „קויף צוערשט צוטרויען ביי יענעם" — פיהר איך זיך היינט אויך אין מיין געשעפט. יעדען מענשען'ס לעבען איז איינגעטיילט אין צווייען — דאָס פּראַקטישע און דאָס פאַנטאַסטישע — אין פאַנטאַזיע קען אַלעס געהן, אָבער אין פּראַקטישען לעבען מוזען די געדאַנקען אַרבייטען מיט דער ווירקליכקייט, און די ווירקליכקייט האָט אַנדערע געזעצען און פאָדערונגען ווי די פאַנטאַזיע.

האָנאָראַביל פּאָול בערנצוויג

איך ווער אַ חתן

קומענדיג אהיים פון דער אַרמעע האָב איך זיך ווייטער גענומען צום פעדלען און געמאַכט זעהר גוט.

דורך דער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיידעל און מיר האָבען אָנגעפאַנגען, ווי מען זאָגט אין אַמעריקא, „אויסגעהן“. איך האָב איצט שוין אָנגעפאַנגען טראַכטען וועגען אַ תכלית, כאָטש איך בין דאַן געווען נישט קיין אַלטער בחור, איז מיר אָבער דערעסען געוואָרען צו זיין אַ באָרדער און האָב געשטרעבט נאָך אַן אייגענער היים, אַן אייגענעם ווינקעל, וואו איך וועל זיין דער בעל הבית.

צו זאָגען, אַז איך האָב זיך פאַרליבט אין דעם מיידעל? דעם אמת גערעדט, האָב איך נישט געזוכט קיינע ראָמאַנען, אָדער אַוואַנטוריסטישע ליבעס־ערפאַהרונגען, און אפשר איז עס אויך נישט געלעגען אין מיין נאַטור צו שפּילען ליבעס. איך האָב אין דער הייראַט אויך געזוכט די פּראַקטישע זייט — מיין מיידעל איז מיר געפעלען געוואָרען, אַ פיין, אַנשטענדיג מיידעל, פון אַ פיינער אידישער פאַמיליע — דאָס איז געווען גענוג פאַר מיר. קיין געלט האָב איך אויך נישט געזוכט, ווייל דאָס האָב איך געהאַט און האָב געוואוסט, אַז איך קען מאַכען געלט, און איך בין מיט מזל אַ חתן געוואָרען.

דורך אַן אינצידענט ווער איך אַן אמת'ער ביזנעסמאַן.

אין אַ שעהנעם טאָג קום איך אַריין אין אַ סטאָר, וואו מען האָט געקלינט און געפּרעסט קליידער, און איך מאַך אויף די טיר פּונקט ווען די צוויי פּאַרטנערס האָבען זיך געהאַלטען אין קריגען צווישען זיך. נישט־ווילענדיג בין איך פון די צוויי שותפים אַריינגעשלעפּט געוואָרען אַלס אַ פּשרה־מאַכער. איך האָב אָבער צו קיין שלום נישט געקענט ברענגען צווישען די צוויי פּאַרטנערס, וועלכע האָבען נישט געקענט שטימען צווישען זיך; און נאָך פילע טענות איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק אָפּצוקויפען ביי זיי דאָס געשעפט. מיר זיינען דורכגעקומען מיט'ן פּרייז, און איך בין אַריין אין ביזנעס.

עס האָט נישט גענומען צו לאַנג אויסצוגעפינען, אַז פון די ביזנעס וועל איך קיין גליקען נישט דערגרייכען. און איך האָב באַשלאָסען צו ענדערען דאָס געשעפט.

אַנשטאַט קלינען און פּאַרריכטען קליידער, האָב איך אָנגעפאַנגען צו קויפען מענעס סוטס דורך צייטונג אַנאָנסען, וואו מען האָט אַדוועָרטייזט מענער סוטס וואָס קאַסטאָמערס האָבען נישט אָפּגענומען; און דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבען בליהען. איך האָב אָנגעפאַנגען מאַכען געלט.

מען רופט מיך קיין קאַליפאָרניע

מיטאמאָל קריג איך אַ בריף פון מיינעם אַ ברודער, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין קאַליפאָרניע, אַז איך זאָל שוין קומען צו פאָהרען, ווייל ער האָט פאַר מיר אַ רייכען שידוך, און אויך אַ גוטע געלעגענהייט צו מאכען פיל געלט. אז איך האָב געצייגט דעם בריף צו מיין כלה, איז זי געוואָרען אויסער זיך, און אויך איהרע עלטערען האָבען נישט גערן געזעהען דעם בריף. איך האָב אָבער באַקומען חשק צו פאָהרען אין דער זוניגער קאַליפאָרניע, וועגען וועלכער איך האָב זיך אַזויפיל אָנגעהערט. אויך האָט מיך אָנגעכאַפּט עפּעס אַ וואַנדער לוסט, צו פאָהרען זעהן די וועלט אַביסעל.

נאָך פילע מאָל אַרומריידען דעם ענין, האָבען מיר באַשלאָסען צו הייראַטען און צוזאַמען אַוועקפאָהרען אויף אונזער האָכציים־רייזע קיין קאַליפאָרניע, און אין איין וועג אויספּרובירען ווי דאָרטען איז פאַר ביזנעס.

מיר האָבען מיט מזל חתונה געהאַט, און גלייך נאָך דער חתונה פאַר־קויפט מיין סטאָר דאָ און זיך געלאָזען אין וועג אריין.

אין קאַליפאָרניע

מיר זיינען דאָרטען אָפּגעוועזן עטליכע מאָנאַטען און מיר איז דער לעבען דאָרטען נישט געפעלען געוואָרען. חוץ דעם, האָבען מיר צווישען זיך נישט געקענט שטימען.

עס מאַכט זיך אַמאָל אין מענשען'ס לעבען, דאָס עס פּאַסירען זאַכען וועלכע דער מענש אַליין קען נישט פאַרשטעהן. אָט למשל, דער פּאָל אַליין, פאַרוואָס האָבען מיר, צוויי יונגע מענשען, ביידע שטאַמענדיג פון פיינע אידישע פאַמיליעס, אָרנטליך, און געהאַט אַלע אורזאַכען צו זיין גליקליך — נישט געקענט שטימען צווישען זיך?

האָבען מיר זיך אפשר נישט ליב געהאַט איינער דעם צווייטען? האָבען מיר חלילה אויסגעפונען עפּעס שלעכטס איינער וועגען צווייטען? ניין — נאָר גלאַט אַזוי, אָהן אירגענד וועלכער אורזאַך, האָבען מיר נישט געקענט שטימען און מיר האָבען באַשלאָסען צוריקצופאָהרען קיין קליוו־לאַנד זיך גט'ן . . .

מיר מאַרשירען אַריין צוזאַמען מיט אליהו הנביא

פּסח, צום ערשטען סדר, זיינען מיר אָנגעקומען צוריק קיין קליוולאַנד. מיינע שוויגער־עלטערן האָבען ניט געוואוסט דאָס מיר קומען, און מיר זיינען אַריינגעקומען צו זיי אין הויז פּונקט ווען די טיר האָט זיך געעפענט אויף אַריינצולאָזען אליהו הנביא. מען קען זיך פאָרשטעלען די איבערראַשונג וואָס האָט דאָן געהערשט ווען מיין שוואָגער'ס בני בית האָבען אונז דערזעהן, אַריינקומענדיג מיט אונזערע טשעמאָדאַנעס. אַז מיר זיינען עס געקומען זיך גט'ן, דאָס האָט זיי אפילו נישט גע'חלמ.ט.

ווען איך האָב דערזעהן דעם שעהן געדעקטען טיש, די יום־טוב'דיגע אַטמאָספערע און לייכטענדע געזיכטער פון מיין שווער און שוויגער, איז מיר מיין האַרץ געוואָרען פאַרקלעמט, מיינע אויגען פול מיט טרעהרען. איך האָב זיך דערמאָנט אינ'ם סדר פון מיין טאַטען אין דערהיים. און איצט איז מיר אינגאַנצען פון זינען אַרויס וועגען גט'ן זיך. מיין שווער און שוויגער זיינען מיר אין דעם מאָמענט געוואָרען טייער און נאָהענט צו מיר, און איך האָב געטראַכט ביי זיך, וואָרום זאָלען מיר ברייגען אומזיסטע האַרץ ווייטאָג צו דיזע אומשולדיגע מענשען? זיי האָבען דאָך אַלע זייערע יאָהרען געהאָפּט און געשטרעבט צו דערלעבען נחת אין זייערע קינדער, פאַרוואָס צושטערען זייערע האָפנונגען? דאָס וואָלט באמת געווען אַ פאַרברעכען פון אונזער זייט.

מיר האָבען באַשלאָסען אינגאַנצען אויפצוגעבען דעם נאַרישען פּלאַן פון גט'ן זיך, און מיר האָבען וועגען דעם געשוויגען.

באַלד נאָך פּסח בין איך אַרויס זוכען אַ סטאָר, און איך האָב איינגעקויפט מענער קליידער.

דאַן איז מיר איינגעפאַלען א געדאַנק, אז איך זאָל עפּעס טאָן — איינפיהרען אזא זאַך אין מיינע ביזנעס, וואָס קיינער האָט פריהער נישט געטאָן. די נייעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב אָנגעפאַנגען צו אַדווערטייזען מענעס סוטס צו 16 דאָלאַר א סוט.

און עס האָט אָנגעצויגען. פון אַלע עקען פון שטאָדט זיינען מענשען געקומען קויפען די 16 דאָלאַרדיגע סוטס. און מיין גרעסטע זאָרג איז באַשטאַנען אין דעם, וואו קריגט מען אזויפיל סחורה וואָס איך קען פאַר־קויפען? קיין קאָסטאָמערס האָבען נישט געפעהלט.

בעסי בערנצווייג

די גנבים באַזוכען מיך

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ אידען: „פאַרוואָס זיפצט אַ איד אַלע־מאָל?“ האָט יענער געענטפערט אַזוי:

„אַז עס געהט איהם שלעכט, מילא, מוז ער דאָך זיפצען; טאָמער געהט אַ אידען גוט — ציטערט ער פאַר אַן עין הרע. אַזוי איז אויך גע־ווען דער פאַל מיט מיר. עס איז מיר געגאַנגגען צו גוט, האָבען די גנבים מיר געגעבען אַן עין הרע. אין איין שעהנעם פריהמאָרגען, קומענדיג ווי געוועהנליך צו עפענען מיין סטאָר, טרעף איך די טירען אָפען און דעם סטאָר ליידיג. איבער נאַכט האָט מען אַלעס אויסגעליידיגט און איך בין געבליבען אָהן וואָרע און אָהן אַ פעני געלט, ווייל מיין גאַנצע געלט האָב איך אַריינגעטאָן אין סחורה. קיין אינשורענס געגען גנבה האָב איך אויך נישט געהאַט. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען וואָס דעם פריהמאָרגען האָט זיך ביי מיר אָפּגעטאָן.

איך האָב געוויינט אין איין ווינקעל און מיין פרוי אין דעם צווייטען ווינקעל. נאָר ווין היינט, ווין מאָרגען, דער וויינען קאָן דאָ גאָר נישט העלפען. רוף איך זאָך אָפּ צו מיין פרוי: „נישט געזאָרגט, גאָט וועט העלפען, ער האָט געהאָלפען ביז איצט וועט ער ווייטער־אויך העלפען. עס קאָן דאָך נישט אַלעמאָל שיינען די זון! — פונקט ווי עס קאָן נישט אַלעמאָל זיין פאַרוואָלקענט. אַזוי איז דער לעבען איינגעטיילט — אַביסעלע זונענשיין און אַביסעל פאַרוואָלקענט — איינס געהט נאָכ'ן צווייטען.“

אַז מיין שוועך איז געוואויר געוואָרען וועגען מיין בראָך, רופט ער זיך אָפּ צו מיר: „הער צו מיין קינד, דער אומגליק האָט דאָך שוין פאַ־סירט, מוז מען זעהן וואָס ווייטער צו טאָן. ווי דו ווייסט, בין איך נישט

קיין גביר, איך האָב אָבער אָפּגעשפּאָרט פינף הונדערט דאָלאַר, און אונ־זערער אַן אָנקעל וואָס וואוינט מיט מיר האָט אויך 500 דאָלאַר, וועלען מיר דיר אויסבאָרגען די געלט און פאַנג אָן פון דאָס ניי.

דעם אמת גערעדט, האָב איך נישט געהאַט קיין גרויסען חשק אָנצו־נעמען דעם אָנבאָט, ווייל מיין האַרץ האָט מיך געשראָקען, ווי וועט זיין אַז איך וועל פאַרלירען די געלט? וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו רי־זיקירען מיט יענעמ'ס געלט? זיי זיינען אָבער צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך מוז אָננעמען זייער פאָרשלאָג. איך האָב גענומען די טויזענט דאָלאַר און געקויפט וואַרע און צוריק אָנגעפאַנגען צו טאָן ביזנעס.

די ביזנעס זיינען געגאַנגען פון גוט צו בעסער. דער סטאָר איז געווען געפּאַקט מיט קאָסטאָמערס. אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט. איינמאָל קומט צו מיר אריין אַ מאַן און איך דערזעה ביי איהם אַן אָווער־קאָוט מיט אַ לייבעל.

איך האָב די פאַבריק, וועלכע מאַכט די קאָוטס געזוכט ווי מיט ליכט, ווייל די נאָכפראַגע פאַר די קאָוטס איז געווען זעהר גרויס. אַז איך האָב באַקומען זייער אַדרעס, האָב איך זיך אויפ'ן שוויטאָן טאָג גאַנץ פריה אַרויסגעלאָזען אַהין מיט די ערשטע טרעין. דאָס שטעדטעל איז אינ־גאַנצען 90 מייל פון קליוולאַנד.

איך ווער אַ לאָיער אויף אַ ווײַלע

אָנקומענדיג אין דעם שטעדטעל, גאַלליאָן, אָהייאָ, האָב איך זיך גלייך אוועקגעלאָזען צו דער פאַבריק. ווי איבערראַשט בין איך אָבער געוואָרען ווען, אַריינקומענדיג אין פּלאַץ, האָט מיך דער בעל הבית אויפגענומען מיט זידלערייען. איך האָב איהם ערקלעהרט, אַז איך בין געקומען קויפען ביי איהם קאָוטס. האָט ער זיך נאָך מעהר צושריען אויף מיר — „איך וויל אייך נישט פאַרקויפען און איך וויל אייך נישט קענען," האָט ער כסדר געטומעלט.

דאָס האָט מיך שוין פאַרדראָסען, און איך רוף זיך אָפּ צו איהם, אין אַ שטרענגען טאָן: „אַזוי לאַנג ווי אייערע טירען זיינען אָפען מוזט איהר מיר פאַרקויפען סחורה, איהר קענט פאַרלאַנגען אַ הויכען פּרייז, איהר קענט פאַרלאַנגען קעש געלט, אָבער פאַרקויפען מוזט איהר מיר, ווייל אויב נישט — — —"

„אויב נישט, וואָס וועט איהר טאָן?" בייזערט ער זיך נאָך מעהר.

„אויב נישט," זאָג איך, „וועל איך אַריינרופען אַ פּאָליסמאַן און איהר וועט מוזען צומאַכען אייער פאַבריק."

דערהערט אַזעלכע רייד. איז ער געוואָרען אַביסעל ווייכער. ער געהט צו און עפענט אויף אַ שראַנק מיט קאָוטס און גיט אַ זאָג: „דאָס וועט אייך קאָסטען 10 דאָלאַר אַ שטיק."

איך טראַכט נישט קיין סאַך, נעם אַרויס מיין טשעק בוך און מאַך איהם אויס אַ טשעק אויף טויזענט דאָלאַר.

צולאַכט ער זיך — „ווער זייט איהר, אַז איך זאָל אָננעמען אייער טשעק? איך קען אייך, איך ווייס ווער איהר זייט?"

„איהר האָט די וואַרע און דעם טשעק, איהר דאַרפט מיר נישט צו שיקען די סחורה ביז וואַנען איהר וועט זיין זיכער אַז דער טשעק איז גוט,“ טענה איך צו איהם.

אַט מיט דעם בייזען מענשען, וועלכער האָט זיך אויף מיר אָנגעביי־זערט, האָב איך געטאָן אויף הונדערט טויזענט דאָלאַר ביזנעס דעם ערשטען יאָהר און געמאַכט שווערע טויזענטער פּראָפיטען. דערזעלבער מאַן, וועלכער האָט מיך געוואָלט איגנאָרירען, איז געוואָרען מיין בעסטער פריינד ווען ער האָט זיך מיט מיר נעהענטער באַקענט. דערזעלבער „שלעכטער“ מענש האָט מיך שפּעטער געריכטעט און מיך אוועקגעשטעלט אויף דער שטופּע פון אַ גרויסען ביזנעסמאַן.

שפּעטער, ביי אַ געוויסע געלעגענהייט, האָט ער מיר ערקלערט די אורזאַכע, פאַרוואָס ער האָט מיך פון אָנפאַנג איגנאָרירט און פאַרוואָס ער האָט מיר דערנאָך געהאָלפען.

אַ געוויסער מר. גאָלדשטיין, וועלכער האָט נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל דורך איהם קויפען די סחורה און נישט אַליין, האָט אויף מיר אָנגע־רעדט אַלערליי בייזע זאַכען. און ווען ער האָט זיך אַליין איבערצייגט, אַז די אָנגערעדטע געשיכטעס זיינען נישט אמת, האָב איך געוואונען זיין צוטרויען אַלץ מעהר און מעהר.

מען פירט מיך אין חדר

מיט א יאָהר שפּעטער, דוכט זיך צום יאָהרצייט פון דער גנבה, האָט פּאַסירט אזא מין געשיכטע:

אין א געוויסען פריהמאָרגען קומען אריין צו מיר אין סטאָר צוויי יונגעליים, באגריסען מיך העפליך און דערצעהלען מיר אזא מין געשיכ־טע. מיר א יאָהר צוריק האָט מען אייך באַ'גנב'עט, און איצט זיינען מיר אייך געקומען זאָגען, אז איהר קענט אייער ווארע צוריק באקומען. עס וועט אייך קאָסטען בלויז עטליכע דאָלאַר.

אין סטאָר האָט זיך דאן געפונען בלויז איך און מיין פרוי, וועלכע האָט געשוועגערט. לאָז איך איבער מיין פרוי און פאָהר גלייך אוועק מיט די צוויי יונגעליים, נישט האָבענדיג אפילו קיין צייט א טראַכט צו טאָן: אפשר וויל מען מיך דאַ ערגיץ וואו פארנארען?

די צוויי חברה האָבען מיך אריינגעפיהרט אין א ליידיגע הויז און פארשפּאַרענדיג הינטער זיך די טיר, האָבען זיי ארויסגעשלעפּט רעוואָל־ווערען און מיך געצוואונגען זיך אוועקצולייגען אויפ'ן פּלאָר.

זיי האָבען מיך געבונדען און א געבונדענעם האָבען זיי מיך איבער־געלאָזען אין דעם ליידיגען הויז און אליין זיינען זיי פארשוואונדען גע־וואָרען.

מעהר ווי א שטונדע צייט האָב איך זיך מיט אלע מיינע כוחות גע־ראנגעלט אויף צו באפרייען זיך פון די שטריק, און עס איז מיר ענדליך געלונגען. איך בין ארויסגעלאָפען אין גאס און זיך געלאָזען לויפען צו א סטריט קאַר. אין מיין צוטומעלטקייט האָב איך אפילו נישט באטראַכט דעם נאָמען פון דער גאס וואו די הויז איז געשטאַנען.

איך האָב זיך ענדליך דערשלאָגען צו אַ סטריט קאַר און בין אַהימ־גענפאָהרען אין סטאָר.

קומענדיג צוריק האָב איך געטראָפּען מיין פרוי אין אַן אויפגערעג־טען צושטאַנד, איהר פּנים איז געווען בלאַס, קוים וואָס זי האָט געקענט ריידען. און זי דערצעהלט מיר, אַז די צוויי חברה זיינען צוריק אַריין אין סטאָר און, אַרויסשטעלענדיג אַ רעוואָלווער געגען איהר, האָבען זיי פאַרלאַנג געלט. פון אויפרעגונג האָט זי גענומען שרייען. די חברה האָ־בען זיך פון איהרע קוויטשערייען אויך דערשראָקען און זיינען אַנטלאָפען.

זיינען מיר הייסט עס דאָסמאָל אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

לינדבערג אין אַ „קעפּיטאַל" סוט

אינ׳ם יאָהר 1926, ווען די וועלט האָט זיך געטומעלט מיט טשאַרלס לינדבערג׳ס פליה איבער׳ן ים, איינער אַליין אין אַן עראָפּלאַן, און יעדער איינער האָט גערעדט פון לינדבערג׳ן, און אַלע פראָנט פּיידזשעס פון די צייטונגען האָבען געשריבען וועגען איהם. איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנג: „עס וואָלט געווען אַ גוטע אידעע צו שיקען לינדבערג׳ן אַ פּרעזענט אַ סוט." עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער לינדבערג פון 1927 איז גייסטיג נישט דערזעלבער טשאַרלס לינדבערג פון 1941 און 1942. דער דאַמאָלסדיגער לינדבערג איז געווען דער „איינזאַמער אָדלער", דער נאַאיווער בחור, וועלכער האָט געוואגט איינער אַליין איבערצופליהען דעם ים. און וועלכער האָט דאַן געבראַכט כבוד פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען. האָב איך געטראַכט ביי זיך: עס קאָן דאָך אַלענפאַלס נישט שאַדען? מיר האָבען דורך אַ געוויסען וועג באַקומען זיין מאָס און איהם אוועקגעשיקט אַ שעהנעם סוט, פאַר וועלכען איך האָב באַקומען פון דעם באַריהמטען פליהער צוגעשיקט אַ פיינעם בריף מיט אַ שעהנעם דאַנק. איך האָב פון דעם בריף געלאָזען מאַכען פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס, און דורך די צייטונגען געלאָזען וויסען דעם עולם, אַז טשאַרלס לינדבערג, דער באַריהמטער פליהער, טראָגט אַליין אַ „קעפּיטאַל" סוט.

פון דעם מאָמענט, וואָס דער עולם האָט זיך דערפון דערוואוסט איז מיין סטאָר געוואָרען צו קליין צו באַפרידיגען די טויזענטער מענער וועלכע האָבען מיך באַלאַגערט, צו קויפען סוטס. דאַן האָב איך איינגעזעהן דעם גרויסען כח פון אַדווערטייזען, וועלכע האָט מיר פיל מאָל גוט געטאָן אין מיינע ביזנעס.

אַ נייער קאַפּיטעל אין מיין לעבען

עס איז נישט מעהר ווי נאַטירליך, אַז וואָס ווייטער איך בין געוואקסען אין ביזנעס, וואָס מעהר מיין נאָמען איז געוואָרען באַוואוסט ביים עולם, בין איך אַלץ מעהר אַריינגעצויגען געוואָרען אין געזעלשאַפטליכען לעבען. קאָמיטעען פון פאַרשידענע צדקה אינסטיטוציעס, האָספּיטעלער, בתי יתומים, האָבען מיר ב"ה נישט אויסגעפעהלט. און איך בין ביסלעכווייז אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַקטועלער אַרבייט. איך האָב אָנגעפאַנגען צו באַזוכען פאַרזאַמלונגען און פאַרשידענע אונטערנעמונגען. איך האָב עס באמת ליב באַקומען. נאָך אַלעמען, האָב איך געטראַכט ביי זיך, איז דאָך דאָס גאַנצע לעבען — דער צוועק צו עקזיסטירען אויף דער וועלט — נישט אוועקגעשטעלט געוואָרען בלויז אויף דעם פּרינציפּ פון ביזנעס און געלד! דאָס לעבען האָט דאָך אַ מעהר גייסטיגע און שעהנערע זייט אויך אַ חוץ געלט! און איך בין באמת זעהר טעטיג געוואָרען אויף דיזען געביט.

צו יענער צייט האָט אין קליוולאַנד זיך געגרינדעט אַ באַריהמטע ישיבה.

איך ווער אַ לענדלאָרד

געווען איז דאָס עטליכע וואָכען פאַר פּסח, ביי מיר איז געוואָרען מיט יעדען טאָג מעהר ביזי. עס איז פּשוט נישט געווען קיין כח און קיין פּלאַץ צו אַטענדען אזויפיל קאַסטאָמערס, האָב איך זיך ארויסגעלאָזען זוכען אַ סטאָר.

איך בין פאַרביי געגאַנגען אויף סט. קלעיר עוועניו און באַמערקט אַ ליידיגען סטאָר אין שכנות מיט אַ כינעזישע לאָנדרי. איז מיר גראָדע דער סטאָר געפעלען געוואָרען. איך בין אריין צום לענדלאָרד און גענומען ביי איהם דינגען דעם סטאָר.

צוערשט האָט ער מיך אָפּגערעדט, אַז די געגענט איז נישט קיין גוטע און איך וועל נישט מאַכען קיין ביזנעס. איך האָב זיך אָבער איינגע־שפּאַרט, און וואָס מעהר ער האָט מיך אָפּגערעדט, אַלס מעהר חשק האָב איך באַקומען צו דינגען דוקא דעם סטאָר.

נאָך פילע דינגענישען האָט ער עס מיר פאַרדונגען פאַר 65 דאָלאַר אַ חודש און איך האָב מיט מזל אריינגעצויגען זיך אין דעם נייעם סטאָר.

דאָ, אין דעם נייעם סטאָר, איז מיין ביזנעס געגאַנגען מעלה מעלה, בעסער ווי איך אַליין האָב עס זיך פאָרגעשטעלט. אַז דער לענדלאָרד האָט דערזעהן די גרויסע פּראָספּעריטי, איז דאָס איהם גראָדע נישט געפעלען געוואָרען. כאָטש וואָס אייגענטליך האָט עס איהם באַדאַרפט וועה טאָן?

ער האָט פּשוט נישט געקענט פאַרטראָגען, אַז אַ אידען געהט גוט, און ער האָט מיך דערמאָנט אין דעם וויץ: צוויי אידען האָבען געהאַלטען קלאָדהינג סטאָרס איינער געגענאיבער דעם צווייטען. איינמאָל גיט מען אַ פרעג איינעם פון זיי: „נו, ווי אזוי געהען די געשעפטען היינט?„

„זעהר פיין,“ האָט ער געענטפערט, „מיין שכן האָט נאָך היינט אויך נישט געלייזט קיין פּעני.“

דער לענדלאָרד האָט גענומען מיר דערגעהן די יאָהרען, אַז איך זאָל ביי איהם ליסען די הויז. דאַן, שפּעטער־צו, האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, איך זאָל גאָר אָפּקויפען די גאַנצע הויז. און ענדליך האָב איך אָפּ־געקויפט די הויז פאַר 24,000 דאָלאַר. אָבער איידער איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט'ן איבערבויען, מיט'ן פאַרגרעסערען און מיט די איינריכ־טונגען, האָט עס אַריינגעטריבען ביז 75 טויזענט דאָלאַר.

באמת גערעדט, האָב איך זיך זעהר געשראָקען פאַר דעם, ווייל צו וואָס דאַרף איך נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכקייט. איך האָב אָבער קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, ווייל מיין לענדלאָרד האָט מיך כמעט ווי געצוואונגען דערצו — סטראַשענדיג מיך, אַז ער וועט מיין ליעס נישט באַנייען אויב איך קויף ביי איהם נישט אָפּ די הויז.

איך קאָן אָבער איצט זאָגען, אַז עס טהוט מיר נישט באַנג אויף דעם מסחר.

איך „ברעו״ קעש געלד

יענעם פּאַר פּסח וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסען. איך האָב געלייזט אַזוי פיל געלט, אַז עס איז געקומען אין אָוועגט האָבען מיר דעם טאָג לייזונג געמוזט איינפּאַקען אין סוט־באַקסעס און עס באַהאַלטען איבערנאַכט.

ערב פּסח איז געווען אַ געוואַלדיגע ביזי, אויף קיין איין מינוט איז נישט געווען קיין צייט זיך אָפּצורוהען. אַז עס איז געקומען אין אָוונט, האָבען מיר די איינגאַמע פון טאָג אַריינגעפּאַקט אין עטליכע באַקסעס, און קומענדיג אַהיים האָב איך איינע פון די באַקסעס, וועלכע איז געווען אָנגעפּאַקט מיט געלט און טשעקס, אַריינגעלייגט אין קאַלטען אויווען.

מיר האָבען זיך אָוועקגעזעצט צום סדר, האָב איך דערפיהלט, אַז אין הויז איז קאַלט. עס איז דאַן געווען גוט קאַלט אין דרויסען. זאָג איך צו מיין פרוי, עס וואָלט ניט געשאַדט איינצוהייצען דעם אויווען און אַביסעל וואַרימער מאַכען אין הויז.

זייענדיג טויט־מיד פון אַ שווערען טאָג ארבייט האָב איך בשעת מעשה אינגאַנצען פאַרגעסען, אַז איך האָב דאָרטען אַוועקגעלייגט אַ באַקס מיט שווערע הונדערטער דאָלאַרס. און ווען אין הויז איז שוין געווען גוט וואַרעם און דער פייער אין אויווען האָט זיך גוט צוהיצט, איז מיר פּלוצים דורכגעלאָפען אַ ציטער איבער מיין לייב, ווען איך האָב זיך דער־מאָנט, אַז פון דעם געלט מוז שוין קיין סימן נישט זיין.

עס איז געווען אַביסעל צו־שפּעט, ווען איך בין האַסטיג צוגעלאָפען צום אויווען, האָב איך געטראָפען אַ פיין בערגעל מיט אַשעס — די שריים פון די געלט און די טשעקס.

איך האָב פּאָרזיכטיג צונויפגעקליבען די אַשעם פון די פּאַרברענטע געלט, און גלייך נאָך יום טוב בין איך אַוועק אין דעם אָפיס פון די פּע־דעראַל רעזווירוו און זיי האָבען דורך זייערע כעמישע פּראָצעדורען אויס־געפונען גענוי די סומע פונ׳ם געלד וואָס איז פּאַרברענט געוואָרען און מען האָט מיר אומגעקעהרט די גאַנצע סומע, וואָס האָט באַטראָפען אַרום זעקס הונדערט דאָלאַר. אָבער די טשעקס זיינען ביז אויף דעם היינטיגען טאָג פּאַרפאַלען, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין רעקאָרד פון זיי און נישט געוואוסט די נעמען פון די וועלכע האָבען זיי מיר געגעבען.

תלמידי חכמים מרבים מחלוקות בעולם

פּאַראַנען אַ מאמר אין פּרקי אבות: „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם" — די תלמידי חכמים מעהרען און ברייננען שלום אויף דער וועלט. אָבער אין די ווייטערדיגע געשיכטע, וועלכע איך גיה דאָ באַשרייבען, צייגט זיך אַרויס אַנדערש, אַז מאַנכע מאָל ברייננען די תלמידי חכמים, צום באַדויערען, צו קריגערייען.

דיזע געשיכטע איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע עפּיזאָדען פון דעם אידישען לעבען אין קליוולאַנד. צו יענער צייט האָט עס אויפגערודערט דאָס עפענטליכע לעבען דאָ, און זייענדיג ענג פאַרבונדען מיט דער דאָזיגער אינסטיטוציע, וועמעס פּרעזידענט איך בין געוועזען פאַר אַ משך פון 7 יאָהר, קען איך איצט, ווען איך שרייב מיין ביאָגראַפּיע, נישט איגנאָרירען דיזע ערפאַהרונג מיינע, אויף דעם פעלד פון געזעלשאַפטליכען אידישען לעבען, און כאָטש דיזע געשיכטע האָט מיר געבראַכט פיל ענטוישונג, אין מענשען און אין דער געזעלשאַפט, דאָך האָט עס מיין צוטרויען און מיין האָפנונג אין דער מענשהייט נישט געקענט פאַרניכטען. אויך האָט עס מיך נישט געקענט באַאיינפלוסען אויף אַזוי ווייט, אַז איך זאָל זיך צוריקציהען פון געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען.

אין אַגעוויסען טאָג קומט צו מיר אין סטאָר אַריין אַ שעהן געקליידעטער יונגערמאַן, וועלכען איך האָב האָב נישט געקענט פון פריהער, און ער באַגריסט מיך אין זעהר אַ פריינדליכען טאָן:

„העלאָו, האָנאָראַייבל פּאָול בערנצוויינ, מיין נאָמען איז מר. פּאָול וויינבערגער, און איך בין געקומען צו אייך וועגען אַ זעהר וויכטיגער אַנגעלעגענהייט — קען איך מיט אייך רעדען?

„פאַרוואָס נישט," האָב איך איהם פריינדליך געענטפערט, און איהם אַריינגעפיהרט אין מיין אָפיס.

„וועל,“ זאָגט דער יונגערמאַן, „איך בין געקומען צו אייך וועגען א זעהר וויכטיגער אַנגעלעגענהייט. אַזוי ווי מיר האָבען דאָ קיין קליוולאַנד אַרונטערגעבראַכט די באַריהמטע ניו הייווענער ישיבה, מיט הרב לעווענבערג אַלס דער ראש הישיבה, גיבען מיר איצט אַרויס אַ זשורנאַל און איך וויל ביי אייך בעטען אַ באַגריסונג“.

וועגען דער ישיבה'ס באַזעצען זיך אין קליוולאַנד האָב איך געליינט אין די צייטונגען, און איך בין באמת געווען באַגייסטערט דערפון, וואָס קליוולאַנד האָט דעם כבוד צו האָבען אַזאַ באַריהמטען גאון אַלס דער ראש פון אַזאַ ישיבה. איך האָב אָהן וויי‍טערע קשיות גענומען אַ באַגריסונג פאַר 300 דאָלאַר און גלייך באַצאָהלט.

דאַן זאָגט דער יונגערמאַן צו מיר: „איך האָב פאַר אייך אַ וואונדערבאַרע אידעע. אויב איהר וועט שענקען דערצו אייער פולע אויפמערקזאַמקייט, וועט איהר עס זיכער אָננעמען.“

און ער האָט מיר פאָרגעשלאָגען פאָלגענדען פּלאַן — מיר זאָלען אָפּדינגען דעם גרויסען פּאַבליק אוידיטאָריום און אַראַנזשירען אַ גרויסען און אינטערעסאַנטען פּראָגראַם מיט באַריהמטע חזנים און רעדנער און אויך אַנדערע קינסטלער, און עס זאָל געהן אונטער דעם נאָמען פון מיין פירמע. דער צוועק פון דעם אָוונט זאָל זיין אַ קבלת פנים פאַר דער נייער ישיבה. איך האָב גוט דורכגעטראַכט זיין פאָרשלאָג און עס איז מיר אַריין אין געדאַנק, אַז דאָס וועט זיין אַ שעהנע זאַך אי פאַר דער ישיבה און אויך פאַר דער אידישער געמיינדע פון קליוולאַנד. און פאַר מיין קעפּיטאַל קלאָדהינג קאָ. אַזאַ אונטערנעמונג אויך נישט טאַדען.

מען האָט זיך גענומען פעסט צו דער אַרבייט. נאָר וועגען דער אונטערנעמונג וועלען מיר ריידען אין די וויי‍טערע קאַפּיטלעך.

ווער איז געווען הרב לעווענבערג

שרייבענדיג מיין לעבענסגעשיכטע האָב איך זעהר פיל געטראַכט דערפון אויב איך זאָל דעם דאָזיגען קאַפּיטעל פון מיין לעבען אָנריהרען אָדער אינגאַנצען אויסלאָזען, און נאָך פילע באַטראַכטונגען בין איך גע־קומען צום באַשלוס, אז דיזע געשיכטע האָט אַרויסגערופען צופיל אויפזעהן אין קליוולאַנד און ביי יעדען איינעם איז עס אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז איך בין געווען דער פּרעזידענט פון דיזער ישיבה פאַר 7 יאָהר צייט און פיל, זעהר פיל, געאַרבייט פאַר איהר ערפאָלג. עס האָט מיר פיל פרייד אָבער אויך פיל עגמת נפש געבראַכט, און איך גלויב, אַז איך האָב די פולע רעכט צו באַקענען דעם עולם מיט געוויסע איינצעלהייטען און פּאַסירונגען, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדען און צונויפגעקניפּט מיט דיזער אינ־סטיטוציע, און וועלכע זיינען פיליכט קיינמאָל נישט פאַרעפענטליכט געוואָרען.

איך וועל זיין אַבסאָלוט אומפּאַרטייאיש צום גאַנצען ענין און צו די פּערזאָנען וועלכע איך וועל שילדערען, ווייל מיין אויפגאַבע דאָ איז נישט צו רעכטפערטיגען אָדער קריטיקירען פּערזאָנען אָדער געשעהנישען, נאָר צו געבען דעם אמת ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט.

קיין מענש, פריהער אָדער נאָכדעם, האָט אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ מערקווירדיגען איינדרוק ווי הרב לעווענבערג, סיי מיט זיין אויסער־ליכער און נאָך מעהר מיט זיין אינערליכער פּערזענליכקייט. איך נעם זיך נישט אונטער צו געבען אַ פולשטענדיג בילד וועגען דעם גרויסען גאון און חכם הרב לעווענבערג, ווייל דאָס אַליין וואָלט פאַרנומען אַ גרוי־סען בוך, און חוץ דעם פיהל איך זיך אַביסעל גייסטיג שוואַך זיך אונ־טערצונעמען גרינדליך אָפּצושאַצען אַזאַ גייסטיגען ריז. אָבער מיין איינ־דרוק וועגען איהם איז געווען און איז פאַרבליבען, אַז זעהר ווייניג אַזעלכע אידען געפינען זיך צווישען אונז.

זעהר ווענינ אַזעלכע טיפע און שאַרפזיניגע מוחות באַגעגנען מיר אין אונזער גייסטיג אָרים וועלטעל. הרב לעווענבערג האָט מיט רעכט גע־מעגט אָנגערופען ווערען דער „מאור הגדול“, דער גייסטיגער ריז און ליכ־טיגער זייל.

זיינע פייערדיגע, וואולקאַן־מעסיגע און טיפזיניגע רעדעס קלינגען נאָך אַלץ אין מיינע אויערען, און האָבען איבערגעלאָזט אַ ווידערקלאַנג אין מיין הארצען און אַ שטראַהל אין מיין נשמה. ער האָט געקענט מיט־שלעפען מיט זיך אין די עולמות העליונים די מאסען צוהערער. ער האָט באַזעסען דעם געטליכען כח אייך צו מאכען פארגעסען פאַר'ן מאָמענט אייערע אַלטעגליכע, גשמיות'דיגע אומשטענדען און אייך אריינפיהרען אין די העכערע ספערען פון גייסטיגען מהות.

צו דעם איז ער געווען אַ מענש, וועלכער האָט געקענט זיך מוסר נפש זיין פאַר זיינע אידעען. ער איז געווען אַ קעמפער און אַ אומערשראָ־קענער סאָלדאַט פאַר'ן אמת.

וואָלט הרב לעווענבערג צו דעם אַלעמען אויך געווען באַשאָנקען מיט גאוה, מיט שטאָלצקייט, וואָלט ער געווען פיליכט דערשלאָגען זיך צו דער גרעסטער פיהרערשאַפט ביי אידען. איז ער אָבער געווען אַ פּאָלקס מענש, אַן עניו, און מיר לעבען ליידער איצט אין אַ צייט ווען באַשיידענ־קייט און עניוות ווערט נישט אַנערקענט.

עס זיינען פאַראַנען מענשען וועלכע זיינען געגליכען צו שיך — וואָס ביליגער זיי זיינען, אַלץ העכער סקריפּען זיי. הרב לעווענבערג האָט זיך צופיל גע'חבר'ט מיט'ן פאָלק, מיט עמך, און ווי עס ווערט דערצעהלט: צוויי אידען באַגעגענען זיך אין גאַס, פרעגט איינער ביים צווייטען: „נו, איהר האָט עפּעס אַ גוטען רב ביי אייך אין שוהל?“

ענטפערט יענער: „אַלץ הייסט גוט, האָסט נאָך אַזא גוטען רעדנער נישט געהערט“.

„אזוי! וואָס האָט ער אזוינס געזאָגט?“

„ווער קען איהם דען פאַרשטעהן וואָס ער זאָגט“ . . .

הרב לעווענבערג איז אָבער געווען דער בריליאַנטענער רעדנער וועלכען יעדער איינער האָט געקאָנט פאַרשטעהן, ווייל ער האָט געוואָלט מען זאָל איהם פאַרשטעהן. אפילו זיינע פאַרביסענע געגנער וועלען עס צו־געבען, אז ער איז געווען אַן איש גדול.

און ווי זאָגט אונזער תורה — ביקש יעקב לישב בשלוה — אַז יעקב האָט געוואָלט לעבען אין רוהיגקייט, האָבען זיך איהם אונטערגערוקט צורת אויף צרות.

אין מאַנכע קרייזען האָט מען אָנגעפאַנגען צו ווערען אומרוהיג. די אומרוהיגקייט איז אַנטשטאַנען פון אייפערזוכט און זעלבסטזיכטיגע מאָ־טיווען.

פאַרוואָס? פאַרווען? האָט ער עמיצען חלילה שלעכטס געטאָן? ניין. עס איז געקומען פון אַ פּשוט׳ער אורזאַך.

מען האָט אַמאָל געפרעגט איינעם פון אונזערע גרויסע שרייבער, ער זאָל געבען אַ פּסיכאָלאָגישע אויסטייטשונג אָדער אורזאַך פאַרוואָס האסט אַ גוי אַ אידען? עס מוז דאָך ערגיץ וואו זיין אַ פּסיכישע אורזאַך צו דער אייביגער שנאה פון גוי צום אידען!

האָט ער געענטפערט אַזוי: מיר אידען האָבען, פון אונזער געבורט אָנגעפאַנגען, געהאַלטען אין איין לערנען די פעלקער מאָראַל. מיר האָבען נאָר געוואָלט זיין זייערע לעהרער. און עס ליגט אין דער נאַטור פון מענ־שען צו פיינט האָבען אַ לעהרער. עס ווערט אפילו דערצעהלט אַ וויץ וועגען דעם:

אַ קינד קומט היים פון שולע זעהר טרויעריג, רופט זיך אָפּ די מאַמע: „וואָס איז געשעהן, מיין קינד?“

ענטפערט דאָס קינד טרויעריג: „די שולע איז אָפּגעבערענט געוואָ־רען“

„נו, נישט געפעהרליך“, טרייסט די מאַמע דאָס קינד, „אַבי דו ביזט דאָ“.

ענטפערט דאָס קינד: „יאָ, דאָס איז גאָר נישט, אָבער דער לעהרער איז געבליבען“ . . .

אַט די ערקלעהרונג וועט פאַרענטפערען די געגנערשאַפט און פיינד־שאַפט פון געוויסע מענשען צו הרב לעווענבערג. ווייל ער האָט אַלע מאָל געזוכט צו לערנען די מענשען צו פאַרשטעהן דעם אמת.

די גרויסע אונטערנעמונג

איך האָב וועגען הרב לעווענבערג געשריבען אין מיין פאָריגען קאַ־פּיטעל בלויז א בלאַסע אָפּשאַצונג — אויף וויפיל עס איז נויטיג צו די האנדלונגען און פּאַסירונגען פון מיין ביאָגראַפיע, ווייל א פולע אָפּשאַ־צונג וועגען איהם איז נישט דאָ דער פּלאַץ דערפאַר און נישט פאר מיינע כחות. איך האָב בלויז געוואָלט אַרויסברייִנגען דעם פאַקט, אַז איך בין געבליבען זיין פאַרעהרער ביז אויף דעם היינטיגען טאָג, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט מיך פיל מאָל גאַנץ פיין אויסגע׳מוסר׳ט, און זאָגאַר אָנגעזידעלט, האָט דאָס נישט געקענט אָפּשוואַכען מיין טיפע ליבשאַפט צו איהם. ווייל איך האָב געפיהלט, אַז אַלעס וואָס ער זאָגט און טהוט איז צוליב צוויי אורזאַכען, למען האמת און פאַר דעם וואוילזיין פון דער דער ישיבה. און צווישען אַלע צאַנקערייען, צווישען אַלע מחלוקות, בין איך געבליבען גוט־פריינד מיט אַלעמען, סיי מיט זיינען געגנער און סיי מיט זיינע פריינד.

מיר האָבען אַראַנזשירט די גרויסע אונטערנעמונג אין פּאָבליק אוידיטאָריום, און איך בין געוואָרען טשערמאַן פון דער גאַנצער אונטער־נעמונג. מיר האָבען געלאָזט מאַכען גרויסע פּלאַקאַטען און באַהאָנגען די גאַנצע שטאָדט מיט זיי, און די צייטונגען האָבען געהאַלטען אין איין שרייבען וועגען דער אונטערנעמונג.

איך האָב זיך אַרייִנגעוואָרפען אין דער אַרבייט מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ באַגייסטערונג, אַז די ישיבה איז געוואָרען מיין צווייטע היים.

אום צו מאַכען די אונטערנעמונג איינדרוקספול, בין איך אַוועק קיין ניו יאָרק ספּעציעל פאַר דעם צוועק צו אַראַנזשירען עטליכע באַריהמטע חזנים און אַרטיסטען, זיי זאָלען אויפטרעטען דעם אָוונט.

אַ טאָג מיט ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט

אָנקומענדיג קיין ניו יאָרק האָט מען אַראַנזשירט אַן אַפּאָינטמענט מיט דעם באַריהמטען חזן ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט. איך, צוזאַמען מיט עטליכע גוטע פריינד, קליידער פאַבריקאַנטען, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו אַ לאָנטשעאָן צו וועלכען מיר האָבען איינגעלאַדען ר׳ יאָסעלע׳ן.

מיר האָבען זעהר פיין פאַרבראַכט. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. ר׳ יאָסעלע איז געווען אַ פרעהליך אידעל פון נאַטור און איהר האָט איהם געמוזט ליב באַקומען, חוץ זיין זינגען אַלס מענש און אַלס איד.

פּלוצים קריג איך אַ טעלעפאָן קאָל פון הרב קרעמער, וועלכער איז אויך געווען פאַרבונדען מיט דער ישיבה, אַז איך זאָל נישט מאַכען קיינע אַרענדזשמענטס מיט קיינעם דערוויילע. קיין אורזאַך האָט ער מיר נישט אָנגעגעבען, נאָר אַזוי וויל ער, און איך האָב געפאָלגט. איך האָב זיך געזעגענט מיט ר׳ יאָסעלע׳ן און מיט מיינע פריינד און בין צוריק געקומען קיין קליוולאַנד.

דער אָוועגט איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען און אַ שעהנע סומע געלט איז געשאַפען געוואָרען פאַר דער ישיבה.

די גוטע אידישע פרויען

אויב נאָך די אַל ענטוישונגען און ערפאַהרונגען וואָס איך האָב גע־האַט אין די רייהען פון די אַרבייטער און פיהרער פון דער ישיבה בין איך נאָך אַלץ געבליבען טעטיג אין כלל אַרבייט נישט פאַרלירענדיג מיין מוט און צוטרויען — קומט דערפאַר אַ חלק קרעדיט צו עטליכע אידישע פרויען, פרויען פון פאָלק, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געאַרבייט שעהנע עט־ליכע יאָהר און וועלכע זיינען געווען מיט לייב און לעבען אמת'דיג איבער־געגעבען פאַר דער אַרבייט לטובת דער ישיבה. אַט די פרויען, אייניגע פון זיי מרס. גאַרבער און מרס. סיגעל, האָבען פאַרשטאַרקט מיין צוטרויען אין מענשען, ווייל די פרויען האָבען ריכטיג אָפּגעשפּיגעלט אין זיך דעם אמת'ען פאָלקס מענט.

מרס. גאַרבער איז געווען די טשערלײדי פון די לײדיעס אָוקזילערי. און מיר איז אויסגעקומען זעהר פיל צו אַרבייטען מיט איהר, און איך מוז זאָגען, אַז אַזעלכע פרויען ווי די מרס. גאַרבער זיינען אַ זעלטענהייט, און אַ גרויסער געווינס פאַר אירגענד וועלכע אינסטיטוציע, און אויך די מרס. סיגעל. זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם אמת'ן טיפּ פון „אשת חיל“ וועלכע שלמה המלך האָט באַזונגען אין משלי.

איך בין געוואָרען פּרעזידענט, מען האָט מיך פּשוט געדרעפּטעט גע־גען מיין ווילען, און איך האָב עס געמוזט אָננעמען.

מיין פרוי ווערט „דזשעלאַס" אויף דער ישיבה

זייענדיג פאַרקאַכט אין מיין אַרבייט לטובת הכלל, האָב איך זיך גאָר פאַרגעסען, אַז אַ חוץ דער ישיבה האָב איך אַ פרוי און קינדער, זיי זאָלען לעבען, און זי ווילען אויך אַביסעל אויפמערקזאַמקייט. מיין פרוי האָט מיט מיר גערעדט אַ געשפּרעך וועגען דעם, און איינזעהענדיג, אַז זי איז גערעכט, האָב איך איהר געענטפערט, „דו ביזט זיכער בארעכטיגט צו אַביסעל פאַרגניגען און מיר וועלען אָוועקפאָהרען קיין ניו יאָרק מיט'ן אויטאָמאָביל, און נעמען אַ גוטען וואַקיישאָן.

אין אַ שעהנעם טאָג האָבען מיר זיך אַריינגעזעצט אין מיין אויטאָ־מאָביל און מיטגענומען די דינסט אויך, און מיר פאָהרען.

אַ אידען איז ניט באַשערט צו האָבען אַ „גוד טיים"

איצט לייענט ווייטער וועט איהר זעהן מיינע גרויסע פּארגניגענס, וואָס איך האָב געהאַט פון מיין לוסט רייזע קיין ניו יאָרק.

דעם ערשטען ברוך הבא האָב איך באַקומען אין עללענטאָן, פּענסיל־וויינִיא, ווען אַ פּאָליסמאַן האָט מיך אָפּגעשטעלט און מיר דערלאַנגט אַן עליה. ער האָט מיך גלייך גענומען אין סטיישאָן הויז צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער און די דינסט.

זיין קלאַגע איז באַשטאַנען אין דעם, דאָס איך האָב צו שנעל גע־טריבען מיין אויטאָמאָביל. מען האָט מיך איינגעשפּאַרט און גאַנצע פיער און אַ האַלבע שטונדען האָט מען מיך אָפּגעהאַלטען ביז'ן פּארהער, און דאַן האָט מען מיך אַרויסגעלאָזען.

אַז איך בין אָנגעקומען בשלום אין ניו יאָרק בין איך איינגעשטאַנען אין בראָנקס פּאַרק ביי מיינעם אַ פריינד, אַ פאַבריקאַנט.

אויפ'ן צווייטען טאָג קומט צו מיר צו לויפען אַן אַנדערער פריינד און הייסט מיך גלייך פּאַרלאָזען ניו יאָרק, ווייל עס געהט אַרום אַ קינדער עפּידעמיע אין ניו יאָרק. כאַפּ איך באַלד מיין פרוי און קינד און מיר פּאָהרען שוין צוריק. מיין מיידעלע איז דאַן אַלט געווען 10 מאָנאַטען. אַז מיר זיינען אָפּגעפאָהרען עטליכע מייל פון ניו יאָרק, באַמערק איך, אַז מיין קינד איז עפּעס געוואָרען שוואַרץ, און עס איז נישט אַזוי גלאַטיג. שטעלען מיר זיך אָפּ אין אַ קליין שטעדטעל און איך געה אַריין צו אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אונטערזוכט דאָס קינד און גלייך באַפוילען אַז מען מוז דאָס קינד נעמען אין האָספּיטאַל. דאָס קינד איז אָפּגעווען אין האָספּיטאַל עטליכע טעג און עס איז נישט געוואָרען בעסער, האָב

מעדעלין בערנצוויג

איך פאַרלוירען מיין צוטרויען צום האָספּיטאַל און האָב דאָס קינד אַרויס־גענומען אויף מיין אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט, מיט 104 גראַד היץ, און איך פאָהר ווייטער.

דערווייל האָב איך טעלעפאָנירט קיין קליוולאַנד צו עטליכע שוהלען מען זאָל זאָגען תהילים פאַר׳ן געזונט פון מיין בייבי, און איך ווייס נאָר, אַז דער בטחון און מיין פעסטער גלויבען אין השי״ת האָט מיר אַריינגע־געבען אַ מין זיכערקייט, אַז מיין קינד וועט געזונט ווערען.

קומענדיג קיין העריסבורג, בין איך ווייטער אַריין צו אַ דאָקטאָר, און מיין קינד האָט זיך געהאַלטען אין שטיקען, קוים וואָס עס האָט גע־קאָנט דעם אָטעם כאַפּען.

דער דאָקטאָר האָט געגעבען עפּעס אַ מעדיצין, וועלכע האָט אַביסעל פאַרלייכטערט מיין קינד׳ס לאַגע, און איך האָב זיך מיט גרויסע צרות געשלעפּט ווייטער, טראָץ דעם וואָס אַ גרויסער ווינד שטורם האָט געבור־שעוועט אין דער גאַנצער געגענט.

מיר האָבען זיך ענדליך דערשלעפּט קיין קליוולאַנד, און מיין קינד איז אין אַ קורצער צייט בעסער געוואָרען, און איך האָב געגעבען גאַנץ פיינע דאָניישאָנס איבעראַל וואו מען האָט געזאָגט תהילים פאַר מיין מיידעלע.

מחלוקות פעהלען ניט אוים

אַט דאָס איז געווען מיין פּלעזשור טריפּ קיין ניו יאָרק.

צוריק קומענדיג האָב איך זיך ווידער אַמאָל גענומען צו דער ארבייט פון דער ישיבה און די מחלוקות זיינען געוואָרען אַלץ שאַרפער און שאַרפער. איך האָב געהאַט אַן אומגעהויער שווערען דזשאָב אַלס פּרעזידענט צו האַלטען דעם גלייכגעוויכט, ווייל איך האָב אויף קיין פאַל נישט געוואָלט זיין צוקריגט מיט קיינעם פון די צדדים. מיין כלל איז געווען: עס איז בעסער צו האָבען הונדערט פריינד איידער איין פיינד. איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען צו מאַכען ווי עס איז שלום צווישען די קריגענדע צדדים.

פון וואַנען און צוליב וואָס די קריגערייען האָבען זיך אָנגעפאַנגען איז נישט וויכטיג, און מיין ציל איז דאָ נישט צו פאַרעפענטליכען דעם אינהאַלט פון דער גאַנצער מחלוקה. אָבער וואָס מיך פּערזענליך האָט אינטערעסירט אין דעם גאַנצען ענין איז געווען, אַז תלמידי חכמים דאַרפען פאַרמעהרען שלום און נישט קיין קריג.

חוץ דעם, האָב איך זיך קיינמאָל פריהער נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז מענשען מיט תורה און חכמה, זאָלען זיך אַזוי ווייט פאַרגעסען, און צוליב פערזענליכע אורזאַכען, אָדער עגאָאיסטישע טענדענצען, מקריב זיין דעם תוך, די תורה, און איהר עקזיסטענץ.

אָבער איין זאַך איז מיר פאַרבליבען פון דיזער געשיכטע: איך האָב געוואוסט, אַז הרב לעווענבערג ליבט מיך און איז אַן אמת'ער גוטער פריינד צו מיר געווען.

זיין פּערזענליכקייט אָפּצושאַצען איז אוממעגליך. אָבער דאָס וואָס איז אין דער אמת'ן גרויס לאָזט זיך נישט באַשרייבען. דאָס קען מען בלויז פיהלען.

עס איז פּונקט ווי עמיצער וועט באַשרייבען די טעכנישע, די וויסענשאַפטליכע זייט פון דער לבנה — אָבער די הערליכקייט, איהר שעהנקייט, די יום־טוב'דיגקייט וואָס די לבנה רופט אַרויס ביים מענשען, דאָס איז אַזאַ געטליכקייט, וואָס מען קאָן מיט'ן שכל נישט פאַרשטעהן, און מיט קיין פען נישט באַשרייבען. דאָס קאָן מען נאָר פיהלען . . . פּונקט ווי מיר פיהלען געטליכקייט אַליין. און מיט דעם געפיהל בין איך פאַרבליבען ביז אויף דעם היינטיגען טאָג, כאָטש דאָס ערדישע פון דעם גרויסען מענשען געפינט זיך אונטער אַ בערגעל ערד.

און מיט דעם וויל איך שליסען דעם קאַפּיטעל פון דער ישיבה, וועלכע האָט, צום באַדויערען, אויך געמוזט צוליב די מחלוקות זיך שליסען און אוועק פון קליוולאַנד.

איך ווער אַ נוסח האר״י׳ניק

יעדען אין דער פריה, געהענדיג צו מיין סטאָר, האָב איך באַמערקט אַ קליין שול׳כעל, וועלכע איז געשטאַנען איינגעקלעמט צווישען די הייזער אויף פּארקוואוד דרייוו. אויף דעם שול׳כעל איז געהאַנגען אַ שילד — נוסח האר״י. איך וויים נישט פּאַרוואָס, אָבער עס האָט מיך געצויגען אין דער דאָזיגער קליינער שוהל, און איך האָב ביי זיך געטראַכט דאָס אַמאָל, ביי אַ געלעגענהייט, וועל איך זיך אריינכאַפּען אין דעם דאָזיגען שול׳כעל.

די געלעגענהייט האָט זיך טאַקע געמאַכט, אָבער דורך אַ טרויעריגען פאַל. דאָס איז געווען מיינער אַ ברודער איז געשטאָרבען, און ער איז באערדיגט געוואָרען פון דער דאָזיגער שוהל. דאַן בין איך שוין געוואָרען אַן אָפטער גאַסט, נישט בלויז צוליב דעם דאַוונען, נאָר טאַקע אָנגעהויבען זיך צו פאראינטערעסירען מיט די טעטיגקייטען פון שוהל.

מיט דער צייט בין איך געוואָרען אַ מעמבער און איך האָב גענומען ארבייטען אויף דעם, אז די קליינע שוהל זאָל געבראַכט ווערען אין אָרדנונג. איך בין ערוועהלט געוואָרען אַלס דער פּרעזידענט און האָב דעם אמט אָנגעהאַלטען פאר זיבען חדשים צייט, ביז איך האָב די שוהל געבראַכט אין אָרדנונג און בין ביז׳ן היינטיגען טאָג אַ געטרייער מעמבער אין דער שוהל, און די נוסח האר״י שוהל איז ביי מיר איינגעבאַקען אין הארצען צוליב מעהרערע אורזאַכען. איינע פון זיי וועל איך אין מיין נעקסטען קאַפּיטעל באַשרייבען.

אַ ספר תורה

איך האָב זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעטראָגען מיט אַן אינערליכען באַגעהר און אַ הייסען וואונש, אַז איך זאָל אויפטאָן עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס זאָל פאַרבלייבען לזכר עולם, און עס זאָל זיין פון אמת אידישען אינהאַלט.

נאָך פילע באַטראַכטונגען איז ביי מיר געבוירען געוואָרען דער געדאַנק, צו לאָזען שרייבען אַ ספר תורה, און עס אַוועקשטעלען אין שוהל. איך האָב געלאָזט רופען צו זיך מר. סינגער, אַ באַוואוסטער תלמיד חכם און ער האָט מיר געראַטען צו שרייב'ן אַזאַ ספר תורה אין פּוילען, וואו ער האָט געוואוסט פון אַ באַריהמטען סופר.

מר. סינגער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט יענעם סופר און דורכגעפיהרט דעם גאַנצען ענין. עס האָט גענומען אַ יאָהר צייט ביז די ספר תורה איז אַהער אָנגעקומען, און איך האָב געפיהלט יום־טוב'דיג. מיר האָבען געמאַכט אַרענדזשמענטס צו פייערען דעם סיום הספר מיט אַ שעהנעם פּאַרנעם.

באַשטעלט אַ בענד מוזיק, איינגעלאַדען פּראָמינענטע געסט און דעם באַוואוסטען חזן דוד גלינקאָווסקי פון חיבת ירושלים שוהל, און ועל כולם, מיין באַליבטען רבי הגאון לעווענבערג. דער סיום הספר איז געווען דער געשפּרעך פון די קליוולאַנדער אידען, און איך האָב די ספר תורה אריינגעשטעלט אין דער נוסח האר"י שוהל.

איך האָב זיך אָבער נישט באַגנוגענט מיט דער איינער ספר תורה. איך האָב געאָרדערט ביי דעמזעלבען סופר נאָך אַ ספר תורה, און די צווייטע ספר תורה האָב איך געשאָנקען צו די יאָנג איזראַעל, צו זייער

שוהל, וואו עס איז געווען די ישיבה פון ניו הייווען, פאר וועלכער איך האָב אַזוי געטריי געאַרבייט.

דער סיום הספר פון דעם צווייטען ספר איז געווען צוגעגרייט נאָך אויף אַ גרעסערען און אימפּאָזאַנטען אופן ווי דער ערשטער, נאָר ליידער, איז די צווייטע שמחה געווען געמישט אויך מיט טרויער, ווייל דער גרויסער גאון הרב לעווענבערג איז דורך דער צייט נפטר געוואָרען און אַנשטאַט זיין פּערעלדיגע דרשה, האָט דעם הזנ׳ס אל מלא אָפּגעקלונגען און גערירט אַלעמען. דער מאַרש אין גאַס מיט דער ספר תורה איז געווען דער איינדרוקספולסטער, וואָס קליוולאַנדער אידען האָבען ווען עס איז ביינעוואוינט אין אַזאַ פּאַל.

די אידישע מלחמה וועטעראַנען, אָנגעטאָן אין זייערע יוניפאָרמען און מיט זייער אָרקעסטער, האָבען פאַרקלונגען די לופט מיט די טענער פון אידישע נגונים און טויזענטער אידישע מענער און פרויען, יונגע און אַלטע האָבען מאַרשירט איבער די גאַסען און געשאַפען אַ הערליך בילד.

איך וועל דעם יום טוב קיינמאָל נישט פאַרגעסען. די פיינסטע אידען פון שטאָדט האָבען אונטער אַ חופה געטראָגען די ספר תורה, וועלכע איז באמת אַ קונסטווערק, און דער יום טוב איז פאַרענדיגט געוואָרען אין די יאָנג איזראַעל געביידע, מיט אַ שעהנעם סאַפּער. און יעדער איינער האָט מיר געוואונשען כל טוב פאַר דעם אמת אידישען און טייערסטען אוצר וואָס מיר פאַרמאָגען. איך אַליין בין אויך געווען פול מיט באַגייסטערונג און דאַנקבאַרקייט צו גאָט, וואָס ער האָט מיר געהאָלפען איך זאָל זיין בכח צו באַווייזען אַזעלכע שעהנע טאַטען.

סעם בערנצוויג, ברודער

איך ווער קראַנק

הפּנים, אַז אַ אידען טאָר נישט געהן גוט מיט אַלעם, ווייל ווי קומט צו אַ אידען צופיל פרייד? צוברעכען מיר דען נישט קיין גלאָז אונטער דער חופּה, בלויז דערפאַר כדי אינמיטען פון דער גרעסטער שמחה מוזען מיר זיך דערמאָנען אינ'ם חורבן בית המקדש?

אַ קורצע צייט נאָך מיין גרויסער שמחה בין איך געפעהרליך קראַנק געוואָרען, אַזוי, אַז מען האָט מיך געמוזט נעמען אין האָספּיטאַל וואו איך בין 8 מאָל אָפּערירט געוואָרען און די דאָקטוירים האָבען מיר אָפּגעזאָגט דאָס לעבען. פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב אויך נישט געשוויגען, איך האָב געהייסען תהילים זאָגען. און נעבען מיין קראַנקען בעט איז געווען אַ שטענדיגער מנין.

איך האָב געהאַט גרויס בטחון, אַז דאָרט וואו עס איז פאַרזאַמעלט אַ מנין אידען איז גאָט אויך פאַראַנען. „אלהים נצב בעדת אל" — דאָרט וואו אַן עדה אידען זאָגען תהילים מוז מען געהאָלפען ווערען . . .

און עס איז אַזוי געשעהן, צו אַלעמענס איבעראַשונג, אַריינגערע־כענט די דאָקטוירים, האָב איך זיך אַרויסגעדרעהט פונ'ם מלאך המות, און בין געבליבען לעבען.

מן הסתם האָט מען אויבען באַרעכענט, אַז עס ליגט פאַר מיר אָנגע־גרייט נאָך גענוג אַרבייט אויף דיזער וועלט, וואָס וואַרט אויף מיר איך זאָל עס פאַרענדיגען.

ליגענדיג עטליכע וואָכען אויפ'ן קראַנקען בעט, זיינען אין מיין מח דורכגעלאָפען פאַרשידענע געדאַנקען, געדאַנקען וועלכע ווערען גאָר נישט

געבוירען ביים מענשען בשעת ער איז געזונט. א געזונטער מענש, אין דער צייט ווען ער באוועגט זיך אין זיין טאָג טעגליכען לעבען, האָט גאָר קיין צייט און קיין געדולד צו טראַכטען וועגען דעם ווערט פון לעבען.

נעבען מיר איז געלעגען א איד מיט'ן נאָמען בלום, און ער האָט זיך געהאַלטען אין איין באַקלאָגען פאַר מיר, ווי שלעכט די נוירס באַגעהט זיך מיט איהם. ווייסענדיג אָבער, אַז די נוירס וועלכע איז געווען דיזעלבע וואָס האָט אויך מיך באַדינט איז גראַדע געווען א גוטע נוירס, און זי האָט מיך באַדינט מיט צערטליכקייט און געטריי, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז א שווערע זאַך יעדען איינעם צופרידען צושטעלען — איבער־הויפט קראַנקע מענשען, ביי וועלכע די נערוועז זיינען סיי ווי צערודערט, איז אודאי שווער צופרידען שטעלען. האָב איך ווי ווייט מיר איז מעגליך געווען איהם אויסגערעדט און באַרוהיגט.

און ביי זיך האָב איך געטראַכט: פאַראַנען פאַרשידענע מלאכות אויף דער וועלט און יעדער איינער טהוט ביישטייערען צום וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט מיט זיין אַרבייט, אָבער די אַרבייט פון א נוירס איז מיר אויסגעקומען איז איינע פון די שעהנסטע און נאָבעלסטע, ווייל קען דען נאָך זיין א נאָבעלערע אַרבייט, ווי העלפען א מענשען בשעת יענער איז קראַנק און הילפלאָז זיך אליין צו העלפען? מיר געפינען אין אונזער תורה אויך, אַז ביקור חולים איז איינע פון די גרעסטער מצוות ביי אונז אידען. איז דאָך העלפען א חולה זיכער איינס פון די גרעסטע זאַכען, און דאָך שאַצען ווייניג מענשען אָפּ די וויכטיגקייט און די ווערט פון א נוירס.

א נוירס קאָן אַמאָל זיין וויכטיגער פונ'ם דאָקטאָר אליין, ווייל דער דאָקטאָר גיט בלויז די דירעקציעס, וואָס מען דאַרף טהון צום קראַנקען, אָבער די נוירס איז די יעניגע, וועלכע דאַרף אויספיהרען די שליחות.

אין מיין פאַל איז די נוירס גאָר געווען דער מלאך הגואל, וועלכע

האָט מעהר ווי גלאַט אויסגעפּילט דעם דאָקטאָר'ס באַפעהל. און דאָס איז געווען טאַקע עפּעס א נס מן השמים.

מיין קראַנקהייט איז באַשטאַנען פון צווייערליי קראַנקהייטען, איינע פון זיי איז געווען זעהר שמערצפול. עס איז באַשטאַנען פון אַזאַ מין „רעש", אַזאַ מין אויסשלאַג אויף מיין קערפּער, וואָס האָט מיר פאַר־שאַפט זעהר פיינליכע און אומאַנגענעהמע שטונדען און טעג. עס האָט גע־ביסען און מען האָט דערצו נישט געטאָרט מיט די הענט צוריהרען.

די דאָקטוירים האָבען זיך ווייניג וואָס אומגעקוקט אויף דעם, ווייל לויט זייער חשבון איז אויסגעקומען, אַז די אַנדערע קראַנקהייט איז וויכ־טיגער און קען ווערען געפעהרליך. און דער „רעש" וועט פון זיך אַליין אַוועקגעהן. איך האָב דאָך אָבער געפיהלט דעם אמת'ען טעם דערפון, און עס האָט מיך געמאַכט נערוועז.

איינמאָל רוף איך זיך אָפּ צו מיין נוירס: „אפשר ווייסטו עפּעס וועגען א פאַרלייכטערונג צו די בייסעניש?"

רופט זי זיך אָפּ: „איך ווייס נאָר איך טאָר עס נישט טאָן. טאָמער וועט מען געוואויר ווערען, אַז איך האָב עפּעס געטאָן אָהן די דאָקטוירים בין איך פאַרטיג מיט מיין שטעלע אַלס א נוירס".

נעם איך איהר בעטען און פאַרשפּרעך, אַז קיינער אין דער וועלט וועט נישט וויסען דערפון און איך וועל איהר זעהר דאַנקבאַר זיין דער־פאַר. האָט זי גענומען מיין וואָרט און האָט מיך עטליכע מאָל אויסגעג־שמירט מיט עפּעס, און דער „רעש" איז פאַרשוואונדען געוואָרען, אַז קיין סימן איז נישט פאַרבליבען דערפון . . . מען קען זאָגען, ממש מיט די הענט צוגענומען.

האָב איך דאַן ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען עס וועט נאָר אַמאָל קומען א גינסטיגע געלעגענהייט, וועל איך עפּעס טאָן פאַר דיזער פּראָפעסיע.

איצט ,אז איך בין צוגעטראָטען צו שרייבען מיין ביאָגראַפיע און דרוקען א בוך דערפון, האָט זיך געמאַכט די גינסטיגע געלעגענהייט — אָפּצודינען פאַר די נאָבעלע ארבייט וואָס די נוירסעס טוען פאר טויזענ־טער אומגליקליכע קראַנקע מענשען. און איך האָב באַשלאָסען, אז א טייל פון די פּראָפיטען פון דעם בוך זאָל געהן פאַר'ן „רעד קראָס".

דער „רויטער קרייץ", וועלכע טוען אָט דיזע הייליגע ארבייט ספּע־ציעל איצט, אין דער צייט ווען מיליאָנען מענשען קוקען ארויס אויף זייער הילף אין אַלע עקען פון דער וועלט, ווען יעדעס ביסעלע הילף מיינט נייע האָפנונג, ניי לעבען — טהוט דיזע נאָבעלע אָרגאַניזאַציע דעם גרעס־טען טהאָט פאַר דער מענשהייט, און זיי זיינען די איינציגע, אפילו אין דער איצטיגער משוגענער, צעווילדעטער צייט, וועלכע קענען צוקומען צו די קראַנקע און נויטבאַדערפטיגע איבעראַל.

און מיין הארץ און מיין נשמה פיהלט אַן אינערליכע צופרידענהייט, וואָס איך קאָן פאַרווירקליכען כאָטש א קליינעם טייל פון מיין הייליגען פאַרשפּרעכען און העלפען די „רעד קראָס", וועמעס ריכטיגע ווערט עס קען אָפּשאַצען בלויז איינער, וועלכער איז דורכגעגאַנגען פּיין און יסורים. און איך גלויב, אז פילע אנדערע וועלען זיך אָראָפּנעמען א ביישפּיל און טאָן מעהר ווי דאָס און העלפען די נוירסעס און אנדערע אַרבייטער פון „רויטען קרייץ".

אויב איך וועל נישט דערגרייכען אפילו קיין שום אנדערע זאַך מיט דעם בוך, ווי בלויז האָבען א חלק אין דיזער הומאַניטאַרישער ארבייט פאַר דער מענשהייט, וואָס דיזע אָרגאַניזאַציע לייסטעט, וועל איך דאָך זיין צופרידען און האָבען דערגרייכט עפּעס.

לויט ווי איך באַגרייף איצט, נאָך יאָהרען לערנען פון דעם לעבענס־בוך, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די העכסטע מידה, דער

פונדאַמענט פון אונזער תורה און אמונה, איז צו העלפען איינער דעם צווייטען. מיר געפינען טאַקע דאָס אויף שריט און טריט אין אונזער תורה. „די פליכט פון מענש צו מענש איז נאָך גרעסער ווי די פליכט פון מענש צו גאָט". ווי מיר געפינען עס אין „תפלת זכה" פאַר כל נדרי:

„כל העבירות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר חוץ מעבירות שבין אדם לחברו, אין יום הכפורים מכפר, עד שיבא וירצה את חברו".

אַלעס וואָס מיר זינדיגען געגען גאָט איז ער אונז מוחל — אָבער די פליכט פון מענש צו מענש, אין דעם ליגט דער גאַנצער צוועק פון אונזער עקזיסטענץ. נעמען מיר דאָס אוועק, דאַן איז אונזער גאַנצער לעבען פוסט, ליידיג און צוועקלאָז.

דאָס איז די העכסטע לעהרע און דער וויכטיגסטער טייל פון מיין לעבען, וואָס איז מיר פאַרבליבען איינגעקריצט אין מיין האַרצען און אין מיין נשמה.

נאָך אַ וואָלקען קומט זונענשיין

דעם ערשטען גוטען טאָג נאָך מיין קראַנקהייט האָב איך געהאַט ווען מיין בן יחיד איז מיט מזל בר מצוה געוואָרען. איך האָב אַלעס אָנ־געווענדעט, אז מיין זוהנ'ס בר מצוה ווערען זאָל טראָגען דעם אמת'ען כאַראַקטער, לויט ווי איך האָב עס זיך אַלעמאָל פאָרגעשטעלט אין מיינע געדאַנקען, אז עס זאָל נישט זיין ווי אַלע אנדערע אזעלכע בר מצוה'ס, וועלכע קוקען אויס ווי א מין אַפּקומעניש, וואָס מען מוז דורכמאַכען, ווי, להבדיל, מאָזלען ביי אַ קינד.

איך האָב פאַר מיין קינד געדונגען איינעם פון די בעסטע לעהרער, און יענער האָט מיט איהם געלערענט נישט נאָר די הפטורה, נאָר טאַקע די באַדייטונג פון צו זיין אַ איד און דעם אמת'ען זין פון בר מצוה. איך האָב געטאָן דאָס מייניגע, וואָס אַן אמת'ער אידישער טאַטע דאַרף טאָן. און האָב פאַרבערייטעט אַ גרויסאַרטיגע בר מצוה פּאַרטי פאַר מיין בן יחיד. איך האָב איינגעלאַדען פילע געסט פון אַלע שיכטען, פון רייכע און אָרימע.

רבנים, חזנים, ביזנעסלייט — און איך בין געווען אַ שטאָלצער טאַטע ווען מיין זוהן האָט אזוי שעהן און הארציג געזאָגט די הפטורה און זיין בר מצוה דרשה.

אַ שעהנער קידוש אין שוהל און אַ „רעסעפּשאָן" אין גרויסען כרמל האָל האָבען פאַרענדיגט די גרויסע שמחה פון מיין בן יחיד'ס בר מצוה. און דאָס האָט טיילווייז גוט געמאַכט פאַר מיינע יסורים, וואָס מיין קראַנקהייט האָט מיר פאַרשאַפט.

מיין בר מצוה בחור האָט זיך אויסגעצייכענט מיט נאָך אַ זאַך. ער

האָט זיך אויסגעלערענט שעהן דאַוונען פאַר׳ן עמוד און האָט פילע מאָל נאָך זיין בר מצוה אויך געדאַוועט שליח צבור — און דאָס האָט מיר פיל פרייד פאַרשאַפט.

צוויי אידען ווער'ן געהאָלפען, איינער ווערט מיין רבי

אין לויף פונ'ם לעבען, קענט איהר זיך באַקענען מיט פאַרשידענע מענשען, און צווישען די אַלע זאָל קיינער פון זיי נישט מיינען גאָר נישט, גלאַט אַזוי, מען באַקענט זיך, און איהר שרייבט צו נאָך אַ נאָמען צו די פילע נעמען וואָס איהר קענט. פּאַסירט אָבער אַמאָל, אַז איהר באַקענט זיך מיט אַ מענשען, גלאַט אַזוי זיך, און עס מיינט גראָדע זעהר פיל.

צו מיר פלעגט אַריינקומען אַ יונגערמאַן, מיט'ן נאָמען סאָול בערגודא. דער יונגעראַמן איז געווען אַ סיילסמאַן פון טרימינגס. און דער דאָזיגער יונגערמאַן, וועלכער איז פאַרבליבען מיין רבי און וועלכער האָט פיל באַרייכערט מיין וויסען און מיינע געדאַנקען, האָט מיך פאַראינטערעסירט.

ווען איך זאָג מיין רבי, מיין איך עס טאַקע אין פולען זין, ווייל, דאָס וואָס איך האָב נישט געקענט באַווייזען אין מיינע קינדער יאָהרען צו לערנען, האָב איך געלערענט אין מיינע שפּעטערע יאָהרען.

דער תלמוד דערצעהלט אונז, אַז דער גרעסטער צווישען אַלע תנאים, רבי עקיבא בן יוסף, האָט ביז 40 יאָהר פון זיין לעבען נישט געלערענט, און ערשט נאָך די 40 יאָהר האָט ער זיך גענומען צום לערנען, און איז אויסגעוואַקסען איינער פון די גרעסטע. פאַרשטעהט זיך, אַז ר' עקיבא'ס זיינען נישט געווען קיין סך, אָבער אַ מוסר השכל איז ער פאַר יעדען איינעם, אַז צו לערנען איז קיינמאָל נישט צו שפּעט און, אויב איך קען זיך היינט אַוועקשטעלען פאַר אַן עולם האַלטען אַ רעדע אָדער אַ לעקטשור, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען אַט דעם מר. סאָול בערגודא.

דער יונגערמאַן האָט אויף מיר געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק, סיי מיט זיין האַלטונג און אויך מיט זיין ריידען.

איך האָב זיך וואָס ווייטער אַלץ נעהענטער באַקענט מיט איהם, און האָב זיך איבערצייגט, אַז ער איז אַ תּלמוד חכם, און אַן אינטעליגענטער מענש, און איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויסע גליקען מאַכט ער נישט אין זיינע געשעפטען.

אין אַ געוויסען טאָג קומט ער צו מיר אַריין מיט נאָך אַ מאַן, וועלכען ער רהאָט מיר פאָרגעשטעלט אַלס מר. קעניגסבערג, אַן אינשורענס אַגענט. און ער בעט מיך אויב איך קען עפּעס בייהילפיג זיין דעם מר. קעניגס־בערג אין זיינע אינשורענס ביזנעס.

איך מוז דאָ באַמערקען, אַז מר. בערגודאַ אַליין האָט זיך באַצויגען מיט אַ מין פאַרדאַכט צו מיר. ביז דאַן האָט ער בשום אופן נישט גע־קאָנט פאַרשטעהן, ווי אַזוי קען איך פאַרקויפען אַ סוט פאַר 16 דאָלאַר, ווען עס קאָסט מיך אַליין 15 דאָלאַר — לויט ווי איך האָב איהם געזאָגט. איצט, אַז ער איז צו מיר געקומען וועגען מר. קעניגסבערג, האָב איך איהם געענטפערט — „זייט ביי מיר מאָרגען און מיר וועלען זעהן וואָס מען קען טאָן". האָב איך פאַרשטאַנען לויט זיין באַנעמען, אַז ער לייגט נישט קיין צופיל האָפנונג אויף מיין הילף.

אויפ'ן צווייטען טאָג, אַז זיי זיינען ביידע ווידער אַמאָל געקומען צו מיר, האָב איך זיי געפרעגט — „זייט איהר גרייט מיט מיר צו קומען אין ניו יאָרק?"

זיי האָבען זיך ביידע איבערגעקוקט מיט פאַרדאַכט און האָבען גע־ענטפערט, אַז זיי זיינען גרייט . . . און מיר זיינען אַוועק אין דער גרויסער שטאָדט.

קומענדיג קיין ניו יאָרק זיינען מיר אַוועק צו אַ פאַבריקאַנט, מיט וועלכען איך פלעג טאָן גרויסע געשעפטען.

ער האָט מיך אויפגענומען מיט אַ ברייטען ברוך הבא!

מיינע צוויי קאַנדידאַטען, דערזעהענדיג די פיינע אויפנאַמע, וואָס איך האָב באַקומען, איז זיי געוואָרען לייכטער אויפ'ן הארצען.

איך האָב דעם פאַבריקאַנט ערקלעהרט די אורזאך פון מיין קומען צו איהם און ער איז באַלד געוואָרען טעטיג. ער האָט אָפּגערופען עטליכע באַקאַנטע און עס איז געוואָרען ביזנעס.

מר. קעניגסבערג האָט געשריבען אינשורענס פאַר אַן ערך 50 טויזענט דאָלאַר און מר. בערגודאַ האָט פאַרקויפט טרימינגס פאַר א שעהנער סומע.

אַז איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט זייער עסק, האָב איך זיך גענומען אביסעל צו מיינע געשעפטען און האָב איינגעקויפט וואָרע פאַר טויזענ־טען דאָלאַרס. און ביי דיזער געלעגענהייט האָב איך איבערצייגט מר. בערגודאַ, אַז איך אַליין צאָהל 15 דאָלאַר פאַר א סוט, און האָב איהם גע־זאָגט: „אַז פון וועניגער פּראָפיט און מעהר לייזונג ווערט מען נישט בדלות" . . .

פון דאַן אָן איז מר. בערגודאַ'ס צוטרויען צו מיר געוואָרען וואָס אַמאָל שטאַרקער. און ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג זיינען מיר פאַרבליבען די נאָהענטסטע פריינד, מיט ביידע — מר. בערגודאַ און מר. קעניגסבערג.

מיט אַזעלכע צוויי אידען מעגען מיר אידען שטאָלצירען. זייער אויפפיהרונג אין דעם שטרענגסטען זינען פון אָרטאָדאָקסישער אידיש־קייט; זייער אויפפיהרונג בין אדם לחברו און בין אדם למקום איז ווירקליך זעלטען צו טרעפען היינט צו טאָג אין אמעריקא.

אגב, זיינען ביידע איידעמס פון די צוויי שעהנסטע אידען וואָס קליוולאַנד פאַרמאָגט — מר. בערגודאַ איז אַן איידעם פונ'ם באַוואוסטען גאון דר. ראָזענבערג, וועלכער איז דער גייסטיגער פיהרער פון דער אונ־גאַרישער שוהל אויף קאָלאָמביא עוועניו, און מר. קעניגסבערג, וועלכער איז אַן איידעם פון מר. לעפקאָוויטש ע"ה, וועלכער איז געווען א גרויסער

למדן, עסקן און גרינדער פון פילע וויכטיגע אינסטיטוציעס אין קליוו־לאַנד. און האָט איבערגעלאָזט זיהן און טעכטער, מיט וועלכע מען קען שטאָלץ זיין. איינער פון זיינע זיהן, משה, איז א רב.

דער צווייטער זוהן, יעקב, וועלכער איז געווען דער רבי פון מיין בן יחיד, איז א באוואוסטער חזן, איצט אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, אין די היברו עדיוקיישאָנאַל אַליִיענס, די גרעסטע שוהל דאָרטען.

עס טהוט מיר א הנאה, וואָס איך האָב זיך גייסטיג פאַרבונדען מיט אַזעלכע מענשען, פון וועלכע איך האָב פיל געלערענט און פאַרבראַכט פילע—פילע שטונדען פון גייסטיגען פאַרגניגען.

אזוי איז זיך דער לעבען געגאַנגען. אוועק א יאָהר, נאָך א יאָהר; אביסעל פרייד, אביסעל ליידען, און איידער איך האָב זיך רעכט אומגע־קוקט בין איך ב"ה א טאַטע פון 4 גערעָטענע קינדערלאַך, און — ווי מענ־שען זאָגען — אַן ערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן. איך בין כסדר געגאַנגען אויף דעם גליטשיגען וועג פון לעבען, און וויפיל מיינע גייסטיגע און פיזישע כחות האָבען מיר ערלויבט, געלערענט און שטודירט דעם לעבען פון אַלע זייטען.

איך בין אריינגעצויגען געוואָרען אין פאַרשידענע ארבייטען פון גע־זעלשאַפטליכען לעבען — פון רעליגיעזען קרייז — און האָב איבעראַל געשטרעבט צו טהון דאָס ריכטיגע און דאָס וויכטיגע וואָס עס האָט זיך געפאָדערט לויט די אומשטענדען. זיך ערוואָרבען פילע פריינד מיט וועלכע איך האָב אַלעמאָל געשטרעבט און שטרעב אָנצוהאַלטען די בעסטע פריינדליכע באַציהונגען.

איך וועל אין מיינע ווייטערדיגע עפּיזאָדען שרייבען וועגען אינטע־רעסאַנטע מענשען און פּאַסירונגען, וועגען וועלכע איך וועל ווי ווייט מעגליך ווי ביז אהער שרייבען בלויז דעם אמת.

מרס. גאַרבער

אַביסעל לעבענס געשיכטע

עס קומט אַמאָל אַ צייט אין יעדען מענשענ׳ס לעבען, ווען ער וויל זיך אָפּגעבען אַ שטיקעל חשבון הנפש. מיר אידען האָבען פאַר דעם צוועק איינמאָל אין יאָהר יום כפור — ווען אין דעם טאָג לויפען מיר אין שוהל און מיר גיבען אָפּ אַ חשבון פון אונזערע מעשים פון אַ גאַנץ יאָהר פאַר׳ן רבונו של עולם. און מיר בעטען ביי איהם ער זאָל אונז מוחל זיין, טאָמער האָבען מיר אָפּגעטאָן עפּעס, וואָס מיר האָבען נישט געטאָרט טאָן. האָט מיך אַלעמאָל געוואונדערט, פאַרוואָס אז מען גיט שוין אָפּ אַ חשבון, פאַרוואָס אויך נישט אויסרעכענען די גוטע זאַכען וואָס מיר טוען? אויב אין די על חטא׳ס מעגען מיר אויסרעכענען אַזעלכע חטאים, וואָס מיר האָבען אפילו נישט געקענט באַגעהן — טאָ פאַרוואָס נישט אויסרעכענען און טאַקע מאַכען אַ גלייכען חשבון פון די גוטע טאַטען?

האָט דאָס מיך געפיהרט צום געדאַנק, אַז יעדער מענש האָט אַ מאָראַליש רעכט צו קומען און צייגען זיינע גוטע מעשים, סיי פאַר׳ן רבונו שעל עולם און אויך פאַר דער וועלט — לכל הפחות קאָן דאָך אַ מענש קריגען אַ בעסערע לעקציע און ברייננ.ען מעהר נוצען, לעזענדיג יענעמס גוטע טאַטען ווי די שלכטע זאַכען. נאָך אַלעמען קאָן מען דאָך אַמאָל מאַכען אַ חשבון עס זאָל שטימען . . .

און אַזאַ חשבון הנפש האָב איך אַלע יאָהרען געשטרעבט צו מאַכען. אַ חשבון הנפש פון וועלכען מענשען זאָלען אַ הנאה האָבען און אויך דערביי עפּעס געניסען.

עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז יעדער מענש זינדיגט אונטער אויף איין אָרט אָדער אַ צווייטען. קיין הונדערט פּראָצענטיגע צדיקים זיינען נישט דאָ אויף דער וועלט. אָבער איך גלויב פאָרט, אַז די גוטע מעשים זיינען ביי יעדען מענשען מעהר ווי די שלעכטע. און אויב אַ מענש טהוט שלעכטס, קומט ער אָפּ דערפאַר מיט געגוג יסורים און הארצוועהטאָג.

שרייבענדיג דיזען בוך, אין וועלכען איך גיב איבער מיין לעבענס געשיכטע, האָב איך אויף א מינוט נישט פארגעסען זיך צו רעכענען מיט דער פּסיכאָלאָגיע פונ'ם לעזער וועלכער וועט דורכבלעטערען דיזען בוך. און איך הער ווי מאַנכע וועלען פרעגען ביי זיך: פאַרוואָס נישט באַ־שרייבען אויך די שלעכטע זייט? וויל איך זאָגען צו די יענינע עטליכע ווערטער:

אין תלמוד ווערט געבראַכט „אין אדם משים עצמו רשע"—א מענש קאָן זיך אַליין נישט מאַכען פאַר קיין רשע — אויב א מענש באגעהט ווילענדיג אָדער אומווילענדיג עבירות, איז ער נישט מחויב דאָס צו פאַר־עפענטליכען, ווייל קיינער וועט דערפון נישט בענעפיטירען. מיסטייקס? יאָ, יעדער מענש מאַכט טעות'ן, און פון די טעות'ן לערנט ער.

איך האָב אויך געמאַכט טעות'ן אין פּריוואַטען לעבען, אין מיינע ביזנעס; אָבער איך האָב פון די טעות'ן געלערנט זעהר פיל, און ביים צווייטען מאָל האָב איך זיי אויסגעמידען. איך האָב געמאַכט טעות'ן אין מענשען און פּאַסירונגען, און בין קיינמאָל נישט געוואָרען ענטוישט און נישט פארלוירען מיין גלויבען אין מענשען בפרט און אין לעבען בכלל. פאַרקעהרט, איך האָב וואָס ווייטער, מעהר צוטרויען באַקומען סיי אין זיך און סיי אין אַנדערע.

איך האָב עס געמאַכט אַלס מיין לעבענס אידעאַל און לעבענס פילאָ־זאָפיע, אַז דער זיכערסטער וועג צו ערפאָלג אין לעבען איז צוטרויען. קוים פאַרלירט א מענש דאָס, דאַן בלייבט איהם קיין פונדאַמענט אויף וואָס אַוועקצושטעלען דעם בנין פון לעבען.

איך וויל דאָ באַטאָנען, אַז שרייבענדיג דעם בוך, בין איך אויסען געוועזען צוויי זאַכען: ערשטענס, צו ברייננגען נוצען דערמיט צו אַנדערע, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט עפּעס צו לערנען פון לעבען אַליין; און צווייטענס, צו העלפען די „רעד קראָס" אויף ווי ווייט עס איז מעגליך. און די מצוה וועלען אינדירעקט טיילען מיט מיר די יענינע וואָס וועלען קויפען דעם בוך . . .

איך ווער אַ שומר שבת דורך אַן אינטערעסאַנטען פּאַל

דער נאָמען שמואל לעווין איז באַקאַנט צו כמעט אַלע קליוולאַנדער אידען. דער מר. לעווין איז געווען אַ פרומער איד אין שטרענגסטען זינען, און אַ למדן. ער האָט געהאַלטען אַ מקוה כשרה און אַ שוהל׳כעל. ביים טרייד איז ער געווען אַ „פּלאָר סקרייפּער" און יעדער איינער האָט איהם רעספּעקטירט. ער האָט מיך זעהר ליב געהאַט און איך האָב פאַר איהם געהאַט דעם גרעסטען דרך ארץ.

איינמאָל האָט פּאַסירט, דאָס אַ יונגערמאַן, וועמען מיר האָבען ביידע גוט געקענט, איז געשטאָרבען. זיין נאָמען איז געווען באָב פרידמאַן.

פאָהרענדיג פון בית עולם צוזאַמען מיט מר. לעווין אין איין אויטאָ־מאָביל, רופט ער זיך אָפּ צו מיר: „וואָס טהוסטו שבת אַ גאַנצען טאָג?"

רופ איך זיך אָפּ צו איהם: „וואָס קאָן איך טאָן שבת? אַ האַלבען טאָג בין איך אין סטאָר און דעם צווייטען האַלבען טאָג בין איך אָדער אין הויז אָדער איך געה ערגיץ־וואו".

„דאָס טאָר נישט ווייטער אַזוי זיין," האָט ער אַ מאַך געטאָן צו מיר, „דו מוזט בלייבען שבת אין דערהיים, אַזאַ יונגערמאַן ווי דו, וועלכער איז אידיש געזאָגען, פאַרקעהרט צווישען אידען וועלכע זיינען רעליגיעז, האָסטו קיין רעכט שבת צו זיין אין די ביזנעס . . . דו מוזט מיר שוין פאַרשפּרעכען, אַז דו וועסט מעהר שבת נישט קומען אין דיין געשעפט".

איך האָב איהם געגעבען מיין וואָרט און האַלט מיין פאַרשפּרעכען צו איהם. שבת געה איך נישט אין מיין סטאָר, און פיהל אויף אַן אמת דעם עונג שבת.

מר. לעווין איז שוין אויפ׳ן עולם האמת, אָבער אין מיין זכרון וועט ער אייביג לעבען, ווייל דאָס וואָס קיינער פון מיינע פריינד, האָבען נישט געאַהט דעם מוט מיר צו זאָגען, האָט ער גראָדע יאָ געזאָגט, אויף אַזאַ אויפריכטיגען אופן, אַז איך האָב קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי איהם צו פאָלגען.

די יונגע רבנים

אין דעם קאַפּיטעל וויל איך אָנריהרען אַ טהעמא, וועלכע איז אויף אַזויפיל פאַרבונדען מיט מיין ביאָגראַפיע אויף וויפיל איך האָב מיטגע־ארבייט פיל־וועניגער אין פאַרשידענע קהל׳שע ענינים מיט זיי. אָבער דער הויפּט ציל פון דעם קאַפּיטעל געשיכטע איז, אַז איך וויל אויסדריקען מיין פולע אָנערקענונג פאַר די יונגע רבנים אין שטאָדט, וועלכע האָבען ווירקליך אויפגעטאָן עפּעס ממשות׳דיגעס לטובת דער אידישער באַפעלקערונג אויף פאַרשידענע געביטען.

צוויי וויכטיגע זאכען, וועלכע זיינען לעצטענס אויפגעטאָן געוואָרען, און טאַקע אַ דאַנק די יונגע רבנים, האָבען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די קליוולאַנדער אידען: איינס, דאָס אַריבערברייינגען אַהער די באַריהמטע טעלזער ישיבה, וואָס איז זיכער אַ גרויסער אויפטו. די צווייטע וויכטיגע זאַך איז, דאָס עפענען פון אַן עכט כשר׳ען רעסטאָראַנט. אין דעם לעצטען האָב איך אַביסעל מעהר אַנטייל גענומען.

איך בין אַנוועזענד געווען, ווען עס איז פאַררופען געוואָרען דער ערשטער מיטינג וועגען עפענען אַ שטרענג כשר׳ער רעסטאָראַנט אין קליוולאַנד. ביי דעם מיטינג האָבען זיך געפונען, הרב צמח זאַמבראָווסקי, וועלכער איז אגב אַ תלמיד פון דער ישיבה פון הרב לעווענבערג, און איז היינט דער גייסטיגער פיהרער פון דעם אָרטאָדאָקסישען צענטער פון די הייטס; הרב ענגעלבערג, דער רב פון די אוהב צדק שוהל, אויף מאָריסאָן עוועניו; הרב קאַפּשטיין פון די אור חדש אנשי ספרד, אויף איימאָר עוועניו; מר. שווייד, אַ באַוואוסטער כלל טוער אין קליוולאַנד, און אויך מר. פייגענבוים.

און ביי דעם מיטינג איז געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פאַר אַ

כשר'ען רעסטאָראַנט, וואָס איז פריהער נישט געווען דאָ אין שטאָדט, און היינט איז עס אַ פאַקט, אַז ווען אַ איד וויל עסען אַן עכט כשר'ן מאָלצייט, געפינט ער עס אין בערקאָוויטץ'ס, אויף דער איסט 105־טע סטריט.

וויל איך טאַקע דאָ באַטאָנען, אַז איך שאַץ אָפּ און פאַרעהר די גוטע ארבייט פון די יונגע רבנים, און בין אַלעמאָל גרייט זיי מיטצוהעלפען, ווען עס קומט צו וויכטיגע אידישע ענינים פון דער שטאָדט קליוולאַנד.

אַלבערט בערנצווייג

די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און שוהלען וואו איך באַלאַנג

פאַראַנען אָרגאַניזאַציעס צו וועלכע איך באַלאַנג, אין איינער בין איך מעהר טעטיג, אין דער צווייטער אביסעל וועניגער, ווייל, פשוט, די צייט ערלויבט נישט איבעראַל צו נעמען אנטייל. אָבער סיי ווי בין איך מיט זיי מיט מיין גאַנצען הארצען. אויך וויל איך נישט באַהויפּטען, אַז איין אָרגאַניזאַציע איז וויכטיגער אָדער בילכער — אַלע זיינען מיר ליב און טייער און אַלע טוען גוטע ארבייט.

איך וועל דאָ אויסרעכענען די פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס וואו איך בין אַ מעמבער און נעם פיל - וועניגער אַן אַקטיוון אנטייל אין זיי :

די יאָנג איזראַעל.

די חיבת ירושלים שוהל.

די שארית יעקב, וועלכע איז איצט אויף עדדי ראָוד, און אַ דאַנק דעם יונגען רב, הרב הוגאָ קליין, וואַקסט די שוהל גרעסער און גרעסער.

די בני ברית אָרדער.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

די אידישע מלחמה וועטעראַנען.

די פּוילישע רעליף סאָסייעטי, וועלכע טהוט וואונדערבארע ארבייט.

די אַמעריקאַן לידזשאָן.

און ווי מען זאָגט מיר, האָט מען מיך געמאַכט פאַר אַ מעמבער אויך אין די טעלזער ישיבה.

די צייט וואָס די ישיבה איז דאָ אין קליוולאַנד איז אַזאַ קורצע, אַז צופיל טעטיגקייט ארויסצייגען איז נישט געווען די פּאַסענדע געלעגענהייט, אָבער איך האָף, אַז עס וועט נישט לאַנג נעמען און איך וועל ווערען דאָ אויך טעטיג, ווייל איך גלויב אַז די טעלזער ישיבה וועט מיט דער צייט זעהר פיל אויפטאָן פאַר דעם היגען אידישען ישוב.

באָס און אַרבייטער — איין משפחה

ווי איך האָב פאַרשפּראָכען אין אָנפאַנג פון מיין געשיכטע, אַז איך האָב אין זינען, אַז דיזער בוך זאָל דינען אַלס אַ שטיקעל לעהרע פאַר פּילע, וויל איך דאָ האַלטען מיין וואָרט און באַשרייבען די באַציהונג צווישען מיר און די יעניגע וועלכע זיינען אָנגעשטעלט ביי מיר.

פּילע געשעפטסלייטע און פאַבריקאַנטען מאַכען אַ גרויסען טעות ווען זיי גיבען צו פיהלען זייערע אָנגעשטעלטע דעם טיפען רים צווישען „באָס" און אַרבייטער, ווייל דאָס איז נישט געזונט פאַר זייער געשעפט, פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען, חוץ וואָס אַזאַ באַציהונג איז נישט עטיש.

איך האָב עס געמאַכט אַלס מיין פּרינציפּ אין מיינע ביזנעס, אַז מיינע אָנגעשטעלטע זיינען נישט קיין אַרבייטער, נאָר מיינע חברים, מיינע פריינד. און אַזאַ סאָרט אַטמאָספערע האָב איך געשאַפען אין מיין סטאָר, אַז ווען אַ פרעמדער מענש קומט אַריין, ווייסט ער נישט ווער עס איז דער בעל הבית און ווער עס איז דער אָנגעשטעלטער. אָט דעם סיסטעם האָב איך אויסגעפונען אַלס דעם בעסטען שטאַפּעל צו ערפאָלג.

ווען אַ מענש טהוט אירגענד וועלכע אַרבייט, מיט ליבשאַפט צו דער זאַך וואָס ער טהוט, וועט ער אַלעמאָל טאָן עס מיט מעהר באַגייסטערונג, ווי ווען ער טהוט אַ זאַך אָהן ליבשאַפט, אָהן חשק. און צוריק געשמועסט, דערלייגט קיין מענש נישט דערצו, אַז ער איז און האַנדעלט מענשליך.

מיר קאָנען ברייננגען פּילע ביישפּילען, וואו בעלי בתים וועלכע האָבען מענשליך באַהאַנדעלט און געהאַנדעלט מיט זייערע אָנגעשטעלטע, האָבען געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג.

נעמט אפילו אין קינדער ערציהונג, די וואָס גיבען זיך אָפּ מיט פּעדאַ־גאָגישע פאָרשונגען וועלען אייך זאָגען, אַז די ערשטע זאַך וואָס עלטערען און לעהרער דארפען טאָן, איז איינצופלאַנצען ליבשאַפט און צוטרויען פון די קינדער צו זיך אין אַ חבר'ישע באַציהונג, דאַן גהעט אַלעס לייכט. אויב דאָס קינד פיהלט, אַז עס האַנדעלט מיט אַ חבר, וועט עס גלייך קריגען אין זיך צוויי אייגענשאַפטען — דעם ווילען גוט צו מאַכען, און דעם צוטרויען צו זיך אַליין.

און מיר ווייסען דאָך דעם אמת, אַז די דערוואַקסענע, מעגען זיי זיין ווי פאָרטגעשריטען, ווי געבילדעט — טיף ביי זיך אין הארצען ווייסען זיי, אַז דאָס איז בלויז אויסערליך; ווייל אינערליך בלייבען זיי אַלעמאָל מיט זייערע קינדישע טענדענצען און קינדישע געפיהלען.

דערפאַר ליבען מיר קינדער און שפּיגלען זיך אין זיי, ווייל ווען מיר קוקען זיך איין אין זיי, זעהען מיר אַן אָפּשפּיגלונג פון אונזער אייגענעם איך.

מיר טוען דאָס זעלבע ביחידות וואָס די וועלט טוט אַלס אַ גאַנצע. באַטראַכט גוט די האַנדלונג פון דער גאַנצער מענשהייט, און דאַן קוקט זיך גוט איין, ווי ווייט די מענשהייט איז אַוועק פון איהר קינדהייט? . . .

נאָך אַלע בילדונגען און ציוויליזירטען פּראָגרעס וואָס מיר האָבען געהאַט, נאָך אונזער גאַנצען פאָרשריט און פּראָגרעס, וואו האַלטען מיר?

ביי „קין" און „הבל" — די קינדהייט פון מענשליכען מין . . . „כי יצר לב האדם רע מנעוריו".

אָט דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען וואָס דער לעבען האָט מיך געלערענט, אַז חבר'שאַפט, ליבשאַפט און צוטרויען שאַפען אַ גרויסען סוקסעס אין ביזנעס און אין פּריוואַטען לעבען — פּונקט ווי ביי קינדער — דער געדאַנק, אַז מיינע אָנגעשטעלטע באַטראַכטען זיך אַלס חברים מיט מיר, שאַפט די געטריישאַפט צו זייער אַרבייט — און ממילא דעם סוקסעס פאַר'ן געשעפט און פאַר זיך.

עוועלין בערנצווייג



שוירלי בערנצווייג

ווער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ גוטען ביזנעסמאַן ?

די בעסטע שוהלע איז דאָס לעבען אַליין, און איך קאָן זאָגען, אַז דעם גרעסטען טייל פון דעם וואָס איך ווייס אין ביזנעס האָבען מיך אינדירעקט אויסגעלערענט מיינע קאָסטאָמערס. איך האָב אַלע מיינע יאָהרען, וואָס איך בין אין ביזנעס זיך אָפּגעגעבען מיט באָאָבאַכטען די האַנדלונג און די פּסיכאָלאָגיע פון יעדען קונה, און מיט דער צייט בין איך געוואָרען אַזאַ בקי אין דעם, אַז היינט וויים איך גלייך, אַזוי ווי יענער טרעט איבער מיין בקי אין דעם, אַז היינט וויים איך גלייך, אַזוי ווי יענער טרעט איבער דעם שוועל פון מיין סטאָר, מיט וועמען איך האַנדעל, און ווי אַזוי איך דאַרף זיך באַגעהן מיט איהם.

עס זיינען פאַראַנען מענשען, וועלכע גלייבען, אַז מען שמייכעלט זיי. פאַראַנען אויך אַזעלכע, וועלכע ווילען איהר זאָלט זיין מיט זיי פון דער־ווייטענס. פילע ווילען אַז מען זאָל זיי אונטערנודיען אַביסעל, אַנדערע גלייכען עס נישט.

און אַזוי וועט איהר טרעפען פאַרשידענע טיפּען צווישען מענשען, אפילו דעם געשמאַק פון אַ קאָסטאָמער צו קליידונג קענט איהר גלייך טרעפען, ווען איהר באַטראַכט איהם גוט. נאָר וועגען דעם וועלען מיר ריידען אין אַ באַזונדערען קאַפּיטעל.

וואָס הייסט סוקסעס?

אומצעהליגע מאָל האָב איך געהערט ווי מענשען פרעגען די פראַגע: „וואָס מיינט סוקסעס אין לעבען?" איך נעם זיך דאָ נישט אונטער צו פּאַרענטפּערען די דאָזיגע פּראָבלעמע, אָבער איך וויל זיך יאָ ערלויבען צו געבען מיין פּערזענליכע מיינונג וועגען דיזער אינטערעסאַנטער און וויכ־טיגער פראַגע. פּאַראַנען אַ געוויסער ענגלישער שרייבער, וו. ב. פּיטקין, וועלכער האָט אָנגעשריבען עטליכע ביכער אויף די סאָרט טהמאַס.

איין בוך זיינען, „לאַיף בעגינס עט 40" און נאָך אַ בוך „דהי וועי אָוו אַטשיוומענט" באַהאַנדלען די דאָזיגע אַנגעלעגענהייט. אָבער קיין קלאָהרען ענטפער וואָס עס מיינט סוקסעס גיט ער נישט.

יעדער מענש ווערט געבוירען מיט'ן אינסטינקט צו דערגרייכען עפּעס, צו שטרעבען צו עפּעס. אַ קליין קינד פון אַ יאָהר שטרעבט צו דערגריי־כען עס זאָל קענען אַליין שטעהן און געהן אויף די אייגענע פיס.

ווען דאָס קינד געהט שוין ענדליך אַרום, שטרעבט עס אויף אַ גרע־סערע זאַך, א. אז. וו.

ווען עס האָט דערגרייכט אַ געוויסע שטופע צו וועלכען דאָס קינד האָט געשטרעבט, אינטערעסירט עס איהם שוין מעהר נישט אַזוי שטאַרק ווי פריהער. דאָס איז נאַטור. ווען דער מענש קומט צו דער שטופע פון לעבען, ווען ער פאַנגט שוין אָן טראַכטען וועגען אַ געוויסען ציל און צוועק — דאַן הייסט עס שוין, אַז ער זוכט דעם סוקסעס פון זיין שטרעבען.

די גמרא זאָגט, אַז איין מענש פון צווייטען אונטערשיידעט זיך מיט דריי זאַכען: „במראה, בקול, ובדעת" — מיט'ן אויסזעהן, מיט דער שטי־מע און מיט'ן וויסען. קען מען צו דעם נאָך צוזעצען, אַז מיט'ן סוקסעס איז אויך דאָ אַן אונטערשיד פון איין מענשען צום צווייטען.

צוויי מענשען קאָנען שטרעבען צו דער זעלבער זאַך, איינער דער־גרייכט עס, דער צווייטער נישט. לאָמיר זאָגען, אז ווען אפילוביידע באַזיצען דעמזעלבען מאָס אינטעליגענץ, פעהיגקייטען און ווילענסקראַפט.

ווי זשע קומט עס וואָס איינער דערגרייכט יאָ צום סוקסעס און דער צווייטער נישט?

איידער איך וועל פּרובירען צו ענטפערען אויף דער פראַגע, מוז איך זאָגען עטליכע ווערטער וועגען סוקסעס אַליין — וואָס הייסט סוק־סעס?

פאַראַנען איין סאָרט, וואָס דער מענש אַליין באַטראַכט פאַר א סוקסעס און ביי דער וועלט ווערט עס נישט פאַררעכענט פאַר קיין סוקסעס. דאַן איז פאַראַנען איין סאָרט סוקסעס, וואָס די וועלט נעמט עס יאָ אָן פאַר א סוקסעס און דער בעל דבר אַליין באַטראַכט עס נישט פאַר קיין סוקסעס. אום צו פאַרשטעהן דעם ענין קלאָרער וועלען מיר ברייננען א קאָנקרעטען ביישפּיל:

אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן מיט גוטע פעהיגקייטען געהט אריין אין קאַלעדזש שטודירען. ער לערנט אָפּ א יאָהר צוויי און עס ווערט איהם נמאס. הערט ער אויף צו לערנען און געהט טרייען עפּעס א באַשעפטי־גונג. ביי די ארומיגע, ווי געוועהנליך, הייסט עס אז דער יונגערמאַן איז נישט קיין סוקסעס. אָבער דערזעלבער יונגערמאַן נעמט זיך צו א זאַך, וואָס איז איהם צום הארצען און ער מאַכט גראָדע יאָ א סוקסעס. סוקסעס אַליין איז אַן אבסטראַקטער באַגריף, און וואָס איינער באַטראַכט פאַר א סוקסעס, קומט ביים צווייטען אוים א דורכפאַל.

אזוי איז עס איז ביזנעס, אין פּראָפעסיאָנאַלען לעבען און אין פּריי־וואַטען לעבען.

בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער סוקסעס פונ'ם מענ־שען ווענדעט זיך אינ'ם מענשען אַליין — אויב איהר טהוט א זאַך, און

איהר באשטימט ביי זיך, אז אזוי ווי איהר וועט דערגרייכען דעם און דעם פונקט, וועט איהר זיין צופרידען, קוים האָט איהר עס דערגרייכט — מיינט דאָס אייער סוקסעס.

דערפאַר, ווען צוויי מענשען טוען דיזעלבע זאַך, און איינער דערגרייכט סוקסעס און דער צווייטער נישט, איז עס בלויז דערפאַר, וואָסביידע האָבען אין זינען געהאַט עפּעס אנדערש וועגען דעמזעלבען ענין.

קורץ, „איזהו עשיר השמח בחלקו“, ווער הייסט רייך? דער וואָס קאָן זיך פרעהען מיט זיין חלק. מעג זיין די דערגרייכונג א קליינע, אבי עס שטעלט צופרידען אייער אידעאל און איהר האָט אן הנאה דערפון, קענט איהר עס אָנרופען אייער סוקסעס.

וואָס איז מיין ציעל אין לעבען?

עס ווערט דערצעהלט, מען האָט אמאָל ביי איינעם געפרעגט: „ווער איז מעהר צופרידען, דער וואָס האָט צעהן טויזענט דאָלאַר, אָדער דער וואָס האָט צעהן טעכטער?"

האָט ער געענטפערט, „דער וואָס האָט צעהן טעכטער, ווייל ער וויל שוין נישט מעהר, עס איז גענוג פאַר איהם; אָבער דער וואָס האָט צעהן טויזענט דאָלאַר דער וויל נאָך". שטעל איך זיך אליין די פראַגע: „וואָס איז מיין ציל אין לעבען? און צי האָב איך דערגרייכט עפּעס א ציל?"

אָט דיזע פראַגע האָט מיך פילע מאָל געמוטשעט און איך האָב זעהר פיל געטראַכט וועגען דעם. נאָך אלעמען, האָבען דאָך די גרעסטע מענשען געטראַכט און געשריבען וועגען דעם און האָבען נישט געקאָנט קומען צו קיין אויספיהרליכען באַשלוס — צי האָט דער גאַנצער „דאָ זיין" פון'ם מענשען א צוועק — וועל איך איצט קומען און פאַרענטפערען די דאָזיגע פראַגע? וויל איך ווייטער באַמערקען, אַז איך וויל דאָ נישט לייזען דעם דאָזיגען פּראָבלעם, איך וויל בלויז פיל-וועניגער אַרויסזאָגען מיין מיינונג וועגען דעם — און אַרויסזאָגען א מיינונג קאָן אַן איינפאַכער מענש אמאָל בעסער ווי די פּראָפעסיאָנאַלע דענקער.

עס ווערט געבראַכט א מעשה'לע, אַז גאַלילעאָ, דער גרויסער שפּאַנישער אַסטראָנאָם, איז אין א געוויסען אָוונט אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען שטודירען די שטערען, און אַזוי קוקענדיג אַרויף אויפ'ן אויסגעשטערענטען הימעל, איז ער אַריינגעפאַלען אין א גרוב און צובראָכען א פוס. האָט זיין דינסט, דערזעהענדיג דאָס, זיך זעהר צולאַכט. פרעגט ער ביי איהר, „וואָס איז די שמחה אויף דיר?"

רופט זי זיך אָפּ: „ווי זאָל איך נישט לאַכען, אַז דו ביזט אַזאַ חכם און ווילסט נאָר אויסגעפינען וואָס עס טהוט זיך מיליאָנען מיילען ווייט פון דיר, און דערזעהסט נישט וואָס עס טהוט זיך אונטער דיין נאָז".

האָט גאַלילעאָ דאָס פאַרצייכענט אין זיינע מעמוארען.

עס איז פונקט ווי איינער האָט אַמאָל געפרעגט: „וואָס איז דער אונטערשיד פון אַ פילאָזאָף ביז אַן איינפאַכען מענשען?"

און דער ענטפער איז געווען: „דאָס, וואָס עס נעמט אַ פילאָזאָף 50 יאָהר אַרויסצוזאָגען, זאָגט עס אַן איינפאַכער מענש אַרויס אין אַ מינוט."

איך גלויב, אַז עס איז פאַראַנען אַ געוויסער ציל אין לעבען צו וועל־כען יעדער איינער שטרעבט, און דאָס איז, צו דערגרייכען און ערפילען די אַמביציעס וואָס יעדער מענש האָט אין זיך. און יעדער איינער שטרעבט דאָך צו עפּעס!

איך וועל נעמען זיך אַליין:

צו וועלכען הויפּט ציל האָב איך אַלע מיינע יאָהרען געשטרעבט? ווי איך האָב אין די ערשטע קאַפּיטלען פון מיין בוך באַטאָנט, אַז איינער פון די הויפּט צילען אין מיין לעבען איז געווען און איז פאַרבליבען ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג, זיך צו ערווערבען פריינד, אויפריכטיגע פריינד.

צו געווינען צוטרויען ביי מיינע מיטמענשען. איך זאָל גלויבען אין זיי און זיי זאָלען גלויבען אין מיר.

צו העלפען מענשען און אונטערשטיצען וויכטיגע אינסטיטוציעס וועלכע העלפען אָרוים מענשען וואָס נויטיגען זיך אין הילף.

איך האָב אָבער אַלעמאָל איין זינען געהאַט, אַז אום צו קענען דער־גרייכען די שטופע צו העלפען יענעם, מוז מען קודם אַליין געהאָלפען

ווערען; מוז דער הויפּט ציל זיין, צו זיין אליין ערפאָלגרייך, צו מאַכען סוקסעס אין מיינע געשעפטען, און דאָס זאָל מיר געבען די מעגליכקייט צו העלפען יענעם.

צי בין איך צופרידען מיט דער ביז איצטיגער דערגרייכונג?

איך בין נאָך אַ יונגער מענש און מיין מוט און אַמביציע איז אין פולען שוואונג, און איך האָף, אַז אויב איך וועל לעבען און זיין געזונט, וועל איך נישט בלייבען שטעהן ביי דעם איצטיגען פונקט, און האָב נאָך געוויסע אַמביציעס אין לעבען וועלכע איך האָף דורכצופיהרען. אָבער איך וועל זיין צופרידען אויב די צווייטע העלפט פון מיין לעבען וועט זיין נישט אַן ערגערער ערפאָלג ווי דער ערשטער טייל.

דערווייל בין איך צופרידען. און זיין צופרידען איז אויך דערגרייכט אַ שטיקעל ציל.

האָב איך אַלעס דערצעהלט?

פילע מענשען וועלען זיכער פרעגען די פראַגע: „האָב איך אין מיין ביאָגראַפיע אַלעס דערצעהלט וועגען זיך?“ וויל איך דאָ גלייך ענטפערען קורץ — ניין! פאַרוואָס ניין?

וועל איך דאָ ערקלעהרען:

קיין מענש אין דער וועלט האָט נאָך נישט דערצעהלט אַלעס וועגען זיך, וויל — ערשטענס, איז עס אַן אוממעגליכע זאַך. מיט'ן מענשען פּאַסירען אַזויפיל זאַכען אַלע מינוט פון זיין לעבען, אַז נישט ער קאָן געדענקען אַלעס, נישט יעדע פּאַסירונג איז וויכטיג, און וועל כולם, ברייננגט עס קיין שום נוצען נישט. טויזענטער זאַכען וואָס קומען פאַר אין מענשענ'ס לעבען, ווען מען זאָל זיי אפילו פאַרשרייבען, וועלען זיי נישט זיין אינטערעסאַנט גענוג און נישט ברייננגען קיין מוסר השכל פאַר'ן צווייטען. אָבער דער עיקר איז נישט אויב מען האָט אַלעס דערצעהלט. דער עיקר איז, אַז וואָס מען דערצעהלט יאָ, זאָל זיין דער אמת און פיל-ווענינער אינטערעסאַנט און באַלעהרענד, און דאָס האָב איך געטאָן לויט מיינע מעגליכקייטען.

צווייטענס, קומען פאָר אין מענשענ'ס לעבען אַזעלכע זאַכען וואָס מען קאָן נישט און מען טאָר נישט דערצעהלען. זאַכען, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט'ן אינטימסטען ווינקעל פון דעם מענשען אַליין און זיינע מיטמענשען, וועלכע אַ מענש האָט גאָר נישט קיין רעכט ארויסצובריינגען פאַר דער וועלט.

קוקט זיך גוט איין אינ'ם טאָג טעגליכען לעבען פון אַ מענשען, וועט איהר אויסגעפינען, אַז מייסטענס ריידען מענשען עפּעס אַנדערש און טראַכטען עפּעס אַנדערש.

נעמט למשל — איין מענש טרעט אַרויף דעם צווייטען אויפ'ן היהנער אויג, און ער אַנטשולדיגט זיך. ענטפערט יענער מיט אַ שמייכעל — „געוויס“ — אָבער ביי זיך טראַכט ער, „אַזעלכע פיס מעגען געשוואָלען ווערען“.

אָדער עס פּאַסירט, אַז עס קומען צו איינעם געסט און, אַז זיי ווילען אַוועקגעהן, זאָגט ער צו זיי, „וואָס איילט איהר זיך, זיצט נאָך אַביסעל“. און ביי זיך טראַכט ער: „ווער האָט אייך דען איינגעלאַנצען באַדאַרפט האָבען!“

איך קאָן ברייגנען פילע אַזעלכע ביישפּילען, ווי מען רעדט נישט וואָס מען טראַכט. אָבער אַזוי איז שוין דעם מענשען'ס נאַטור. און עס איז בעסער אַזוי, ווייל ווען מען זאָל אַלעס אַרויסזאָגען וואָס מען האָט אין זינען, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט.

דאָס איז אייגענטליך דער פאַרלאַנג פון אויבערשטען, וואָס האָט, לויט ווי מיר גלויבען, באַשאַפען אונזער וועלטעל, און דערפאַר האָט ער די וויכטיגסטע גלידער פונ'ם קערפּער באַהאַלטען אינוועניג פונ'ם קערפּער און געלאָזען פון אויסענוועניג בלויז די טיילען וועלכע זיינען נויטיג.

איינער פון די באַהאַלטענע אבריםם איז דער שכל — די געהירן פונ'ם מענשען, כדי דער מענש זאָל זיין פריי אין זיין דענקען.

און עס איז גוט אַזוי, ווייל, וואָס ווייניגער דער צווייטער מענש ווייסט וועגען אייערע געדאַנקען אַלץ געזונטער איז עס . . .

די אַלע פּאַסירונגען, וועלכע איך האָב יאָ באַשריבען אין דיזער ביאָגראַפיע זיינען אַזעלכע, וועלכע איך דאַרף נישט באַהאַלטען אָדער פאַרלייקענען.

איך האָב דיזעלבע דאָ געגעבען אָהן באַפּוצונגען, אָהן איבערטרייבונגען, נאָר אַזוי ווי עס האָט אין דער ווירקליכקייט פּאַסירט. און איך האָף, אַז מיינע חשוב'ע לעזער וועלען צופרידען זיין.

כללים פאַר ביזנעסלייט און קורצע געדאַנקען

די ביזנעס פון אַדווערטייזען האָבען מיר געלערענט פון רבונו של עולם — ווען ער האָט אונז באַפוילען צו אַדווערטייזען אונזער תורה צווישען די פעלקער — והגית בה יומם ולילה.

צוטרויען אין ביזנעס איז פונקט אַזוי נויטיג ווי אין פאַמיליען לע־בען — אויב מאַן און פרוי האָבען קיין צוטרויען איינער צום צווייטען, קאָן זייער הייראַט נישט זיין קיין ערפאָלג.

עס האָט איינער אויסגערעכענט, אַז ביי יעדען מענשען וואָס שטאַרבט מאַכען 24 מענשען א לעבען.

„לעולם יהא אדם בסבר פנים יפות", א מענש דאַרף אַלעמאָל טראָ־גען א שמייכעל אויף זיין פּנים. מיט א שמייכעל קאָנט איהר אָפּקויפען דעם ערגסטען קאָסטאָמער. און אַז איהר האָט אָפּגעקויפט דעם קאָסטאָ־מער, וועט ער דאַן קויפען אייער וואַרע.

פון קליינע פאַרדינסטען ווערט מען נישט בדלות, און פון גרויסען טומעל ווערט מען נישט רייך.

די בעסטע נקמה וואָס א מענש קאָן נעמען אין זיין קאָנקורענט אָדער שונא איז, טרייען אַז איהם זאָל זיין גוט וועט עס יענעם שוין ממילא פאַרדריסען.

עס איז נישט, וואָס א מענש מאַכט געלט וואָס עס מאַכט איהם רייך, נאָר וואָס ער שפּאָרט אָפּ.

ביי די בינעזער איז אָנגענומען, אַז ביי יעדע זאַך וואָס דו געהסט טאָן, פרעג אַן עצה ביי יענעם, און דאַן טהו ווי אַזוי דו פאַרשטעהסט.

געלט איז נישט אַלעס — אָבער אַלעס איז געלט.

מען זאָגט: „מאָני טאָקס" — געלט רעדט. און מייסטענס זאָגט עס „גוד באַי"!

וועגען ביזנעס מעג מען אמאָל זאָגען אַ ליגען. מען דאַרף אָבער פון ליגען נישט מאַכען קיין ביזנעס.

וואָרום איז אַזוי שווער צו געפינען דעם אמת?

ווייל שקר איז „ק־ר־ש" צוזאַמען און מען קען עס לייכט געפינען. אָבער „אמת" איז אַזוי ווייט איינער פון צווייטען — א—מ—ת — אַז עס איז זעהר שווער צונויפצוברייגגען.

אַ ביזנעס וואָס איז נישט אַדווערטייזט, איז פּונקט ווי אַ גוטע מיידעל וועלכע זיצט אַלעמאָל אין הויז — ביז זי ווערט פאַרזעסען.

עס איז זעהר לייכט צו עפּענען אַ געשעפט, אָבער אָנהאַלטען עס איז שוין נישט אַזוי לייכט.

אין תלמוד ווערט געבראַכט:
„אַז דאָס קריגעל צוברעכט זיך קומט דער קריג אין הויז אריין"!

„אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו".
אָבער היינט זאָגט מען פּונקט פאַרקעהרט:
אל תסתכל במה שיש בו אלא בקנקן.
ווייל אַ מענש ווערט היינט צו טאָג געאורטיילט לויט זיין אויסערלי־כען אויסזעהן.

גוטע סחורה, פיינע באַהאַנדלונג און עהרליכע פּרייזען
וועלען דיר דעם וועג צו סוקסעס ווייזען.

אַביסעל עהרליכע קריטיק

דורך די יאָהרען וואָס איך נעם אָן אַקטיווען אנטייל אין פאַרשי־דענע אינסטיטוציעס, איז מיר אויסגעקומען אָנוועזענד צו זיין ביי פאַר־שידענע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען פאַראַנשטאַלטעט געוואָרען לטובת, אָדער ווי מען זאָגט, פאַר'ן בענעפיט פון די זעלבע. די מעהרסטע פון די דאָזיגע אונטערנעמונגען זיינען אין דער פאָרמע פון באַנקעטען.

ווי געוועהנליך שטעלט מען אוועק אַ צעטעל פון רעדנער ביי די דאָזיגע באַנקעטען. איז אָבער דער צעטעל אַזוי גרויס און די רעדעס אַזוי לאַנג, ביז די געסט ווערען מיד, און דער וואָס האָט באַצאָהלט פאַר אַ טיקעט האָט קיין הנאה פונ'ם עסען.

ווי עס ווערט דערצעהלט: אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע, וועמענס מיט־גלידער זיינען באַשטאַנען מייסטענס פון אָרטאָדאָקסישע אידען, האָבען אַראַנזשירט אַ גרויסען באַנקעט אין אַ האָטעל, וואו מען האָט סערווירט אייז קרים נאָכ'ן פליייש.

האָט איינער אַ פרעג געטאָן דעם בעל הבית: „היתכן, ווי גיט איהר עס אייז קרים נאָך פליייש?"

האָט יענער געענטפערט: „ביז וואַנען זיי וועלען פאַרטיג ווערען מיט די „ספּיטשעס" וועט מען שוין מעגען עסען מילכיגס".

דאַן האָב איך באַמערקט נאָך אַ זאַך, וואָס קאָן קריטיקירט ווערען. זייענדיג ביי אַ באַנקעט פאַר אַ היגער ישיבה, האָב איך באַמערקט, אַז כמעט אַלע רעדנער הזר'ען איבער דיזעלבע גוט באַוואוסטע, גאָר נישט מיינענדע פראַזען: „מען דאַרף טאָן, מען דאַרף אַזוי, מען דאַרף, נאָר מען דאַרף. . . . לויט דעם ריידען קומט אויס, אַז מען האַלט אין איין דאַר־פען, נאָר מען טהוט גאָר נישט.

אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט: א געוויסע אָרגאַניזאַציע האָט אַראַנזשירט א טעסטימאָניאַל דינער פאַר איינעם פון איהרע טוערס. ביים דינער האָט דער טאָוסטמאַסטער געהאַלטען א גרויסע רעדע און גע־האַלטען אין איין אויסרעכענען די גוטע מעשים פון דעם בעל השמחה. אז עס איז געקומען די רייהע פונ׳ם טוער אליין, האָט ער גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט בזה הלשון:

„מיינע חשוב׳ע פריינד! דעם גרעסטען דאַנק קומט דעם טאָוסט־מאַסטער אליין, ווייל ער האָט מיר אייגענטליך געגעבען די אידעע וואָס פאַר א מענש איך וואָלט באַדאַרפט זיין״ . . .

איך גלויב, עס וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט, אז ביי אַזעלכע באַנקעטען; זאָלען וואָס ווייניגער „ספּיטשעס״ געהאַלטען ווערען. און אויב יאָ ריידען, זאָל מען בעסער אָנצייגען, וואָס מען האָט געטאָן ביז דאַן, נישט וואָס מען דאַרף טאָן, און מען טהוט נישט. . . .

די דאָזיגע קריטיק, אָדער רופט עס אָן באַמערקונג, מיין איך פון טיפסטען הארצען, לטובת די אינסטיטוציעס וועלכע זיינען ביי מיר טייער, און אין וועלכע איך ווינש צו זעהן דעם גרעסטען סוקסעס.

אמת איז אויטאָריטעט — אָבער אויטאָריטעט איז נישט אַלעמאָל אמת.

יעדער טאָג אין מענשענ׳ס לעבען איז א גאַנץ לעבען אין א קליינעם פאָרמאַט.

יעדער שלאָפען געהן איז א קליינער טוים. און יעדער פריהמאָרגען איז א קליינער געבורט.

א מענש, וואָס מעהר ער קאָכט זיך אַלץ רויער ווערט ער . . .

ווען א פייער צינדט זיך אָן אין הארצען, ווערט דער קאָפּ פול מיט רויך.

אז א מענש שטאַרבט, פרעגט מען איהם נישט צי ער האָט דעם זיבעטען טאָג נישט געאַרבייט, נאָר צי האָט ער זעקס טעג יאָ געאַרבייט. איז א סימן, אז ער איז געווען אַן ערליכער מענש.

דער מענש איז נישט דאָס וואָס ער זאָגט אז ער איז — נאָר וואָס ער איז אין דער אמת'ן.

ווען עס וואָלט קיין נאַראָנים נישט געווען אויף דער וועלט, וואָלטען זיך די חכמים נישט ארויסגעזעהן.

פאַראַנען מענשען וועלכע מאַכען זיך אזוי קליין, כדי מען זאָל מיינען אז זיי זיינען גרויס.

ולא לחכמים לחם — א חכם באַנוגענט זיך נישט מיט ברויט אַליין — ער וויל פליייש אויך.

„הרחמן הוא יפרנסנו בכבוד“ — דער פסוק באַציהט זיך אויף מאַנ־כע פון די כלי קודש. מען איז זיי מפרנס מיט כבוד, נאָר נישט מיט קיין געלט.

זינט עס איז ביי אונז געוואָרען אַזאַ גערעטעניש אויף דאָקטוירים (ראַביים) קרענקט דאָס אידישע פאָלק.

ווען ווערט א פרוי אַלט ? ווען זי פאַנגט זיך אָן צו מאַכען יונג.

האָט היטלער דערנענטערט דאָס אידישע פאָלק צו אידישקייט?

זייט עס האָט זיך באוויזען דער מאָדערנער המן — היטלער — און האָט מיט זיין אומענדליכער שנאה צום אידישען פאָלק ארויפגעוואָרפען א שרעק אויף דער גאנצער וועלט בכלל און אויף אונז אידען בפרט, האָבען פילע טויזענטער מענשען געשטעלט די פראגע: „וועלען די פארפאָלגונגען, די צרות, וואָס אידען גיהען איצט דורך, דערנעהענטערען די אידען צו זייער אמונה, צו זייער תורה, צו זייער שפּראך? אָדער וועט עס גאָר דערווייטערען די אידען פון אידישקייט?

לאָגיש, וואָלט באַדאַרפט פּאַסירען דאָס ערשטע. ווייל, וואָס מעהר מען פארפאָלגט א פאָלק פאר זיין אמונה, אלץ מעהר ווערט עס פאר־עקשנ׳ט; איבערהויפּט מיר אידען, וועלכע ווערען אין אונזער תורה אליין באַטיטעלט מיט׳ן „עם קשה עורף“ טיטעל; וואָלטען דאך מיר אידען אודאי באַדאַרפט זיך דערנעהענטערען צו אידישקייט, נאָך אזעלכע רציחות און פארפאָלגונגען וואָס מיר לעבען דורך אינ׳ם איצטיגען וועלט פייער!

אזוי איז אדאָס געוועזען טאַקע דורך דעם גאנצען וועג פון אונזער צוויי טויזענט יעהריגען גלות. און אויב מיר עקזיסטירען נאָך היינט, איז עס מייסטענס א דאנק אונזער עקשנות, וואָס מיר האָבען אין זיך.

לייענען מיר אונזער בלוטיגע היסטאָריע, געפינען מיר אין יעדען דור און אין יעדען לאנד וואו מיר האָבען זיך געפונען, אומצעהליגע ביישפילען פון קידוש השם, פון מסירת נפש, וואָס מיר האָבען ארויסגע־צייגט אין אונזער קאַמף פאר אונזער תורה און אונזער אמונה. אזוי איז דאָס געווען ביי די עשרה הרוגי מלכות, ביי דער שפּאנישער אינקוויזי־

ציע, און אין דער צייט פון די צאַרישע פּאָגראָמען — זיינען מיר אַרויס־געקומען שטאַרקער אין גייסט און מעהר איינגע'עקשנ'ט אין אונזער אמונה — האָט מען אונז אין יעדען דור געזוכט צו פאַרניכטען — „בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו“.

נאָר דער תירוץ — הקב"ה — מיר גלויבען אין גאָט, אין זיין תורה, און דאָס האָט אונז געראַטעוועט פון אונטערגאַנג — „מצילנו מידם“.

ווי האַלטען מיר אָבער היינט? אין מיטען פונ'ם גרעסטען חורבן אין אונזער געשיכטע?

זעהר נישט פרעהליך קוקט אויס די אַלגעמיינע לאַגע. מיר מיינען אונזער גייסטיגע לאַגע.

לאָגיש, און אויך נאַטירליך, וואָלט געווען, ווען אין דער איצטיגער צייט, ווען דער חלק ליגט אונז אויפ'ן האַלז, און דער נייער המן מבקש לעקור את הכל — ער וויל אונז פאַרניכטען, זאָלען מיר אידען זיך וואָס מעהר דערנעהענטערען צו אונזער גאָט און אונזער תורה, צו אונזער קול־טור און צו אַלעם וואָס איז אידיש.

וואָס באַמערקען מיר? ליידער, זעהר טויעריג ווערט אויפ'ן הארצען ווען מיר קוקען זיך גוט איין.

געהען מיר אַריין אין אונזערע שוהלען געפינען מיר זיי ליידיג; אין גרויסע שוהלען קענט איהר געפינען איין אָדער צוויי מנינים אַ שבת.

געהט איהר אַריין אין אַ אידיש טעאַטער, איז חושך. אין אַזאַ שטאָדט ווי ניו יאָרק געפינט איהר כמעט אַלע טעאַטערס צוגעמאַכט אין מיטען סעזאָן. דער אידישער קונסט טעאַטער, דער איינציגער אויף דער וועלט, האָט געמוזט זיך צומאַכען צוויי וואָכען נאָך זיין ערעפנונג, אָנפאַנג סעזאָן. אַ שטאָדט וואָס פאַרמאָגט, קיין עין הרע, צוויי מיט אַ האַלב מיליאָן אידען, קאָן נישט אויסהאַלטען איין קונסט טעאַטער, וואו אַ מענש מיט אביסעל אינטעליגענץ קאָן נאָך אַריינגעהן און פאַרווייל'ען אַ צוויי־דריי שטונדען אין אַ אידישער אַטמאָספערע.

די אידישע צייטונגען ? זיי האַלטען זיך נאָך אביסעל. אָבער אויף זייער פּנים קאָנט איהר אויך לייענען דעם פּאַרצווייפעלטען „עד מתי" אויסדרוק.

מילא אין ניו יאָרק קאָנט איהר נאָך באַמערקען אַן אַקטיווען אידישען לעבען, אָבער אין דער פּראָווינץ איז טויט. קיין סימן פון אידישע טעטיגקייט, קיין סימן פון אידישער איינינקייט, אָפּגעטיילט מיט א טיפען תהום איינער פון צווייטען. קוים איז נאָך פאַראַנען עטליכע ווינקלען וואו מען איז זיך מתעסק מיט אידישע אַנגעלעגענהייטען, איז עס אַזוי באַהאַלטען, אַזוי פאַרנאַכלעסינט פאַר דער עפענטליכקייט, אַז איהר דאַרפט עס זוכען מיט ליכט.

אָט אין דעם ליגט אונזער נאַציאָנאַלע טראַגעדיע.

יאָ, מיר מאַכען צייטענווייז א טומעל ווען עס קומען אָן באַריכטען וועגען מאַסען־שחיטות אויף אידען פון די נאַצי בעסטיעס, אָבער מיר געהען נישט ווייטער ווי דער טומעל. . .

אינמיטען פון דער גרויסער וועלט טראַגעדיע, אין וועלכע הונדערטער טויזענטער פון אונזערע ברידער און שוועסטער ווערן אויסגעקוילעט, מאַכען מיר פיינע באַנקעטען, מען עסט און מען טרינקט אויף די אידישע צרות. מען לויפט אין די מואוויס אויף די אידישע צרות . . . מיר מאַכען טייערע מצבות פאַר אונזערע פאַרשטאָרבענע, און ספּענדען טויזענטערס אויף קאָסטבאַרע ארונות . . . וואָס דאָס איז נישט אידיש און נישט נויטיג . . . וואו זשע איז אונזער אַזוי פיל אַדווערטייזטער „ישראל בני רחמנים"?

מיר נאַרען דאָך זיך אַליין אָפּ . . . און מיר נאַרען די וועלט.

אז איהר וועט שטודירען די סטאַטיסטיקס פון די לעצטע פאַר וואָכען, טאָקע דאָ אין קליוולאַנד אַליין, וועט איהר אויסגעפינען, אז יעדען זונטאָג פראַוועט מען פיער־פינף באַנקעטען . . . מען עסט, מען טרינקט און מען אַמוזירט זיך אין דער צייט ווען הונדערטער טויזענטער פון אונ־

זערע ברידער און שוועסטער וואַלגערען זיך אין קעלט און אין הונגער איבער פאַרשידענע טיילען פון דער וועלט. אונזער נאַציאָנאַלער חורבן באַמערקט זיך גאָר נישט אין אונזער לעבען. נאָך קיינמאָל איז דאָס פאָלקס ווערטעל, „קיינער פיהלט נישט ווי יענעם קוועטשט דער שוך" אַזוי אמת נישט געווען ווי עס איז איצט.

מיר ווילען פּטור ווערען פון היטלער'ן? ווער וויל עס דען נישט? דוכט זיך, אַז איהר וועט פרעגען די דייטשען אַליין ווילען זיי איהם שוין אויך פּטור ווערען. אָבער ביז דאָס וועט געשעהן, וואָס טוען מיר אויף צו פאַרלינדערען די ליידען פון יענע אומגליקליכע? מיר ווילען ארץ ישראל, זיינען מיר צוגעגרייט אַלס אַ פאָלק עס איבערצונעמען?

מיר ווילען אַ אידישע אַרמעע, האָבען מיר צוגעגרייט די מענשען מאַ־טעריאַל און טעכנישע מאַשינערי פאַר אַ מאָדערנע אַרמעע?

מיר ווילען אַלע די זאַכען וואָס עס איז שווער צו באַקומען, און דאָס וואָס מיר האָבען פאַרטיג פאַרנאַכלעסיגען מיר, און מיר וואַרפען עס אַוועק . . .

אויב מיר ווילען אַ אידיש לאַנד מיט אַ אידישע אַרמעע, דאַרפען מיר דאָך צוערשט האָבען אידען! און אום צו האָבען אידען, דאַרפען מיר דאָך אָפּהיטען אונזערע רעליגיעזע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען דער גרונדשטיין פון דער אידישער אומה!

„ארץ ישראל לעם ישראל" — ארץ ישראל קאָן נאָר דאַן ווערען אַ לאַנד ווען עס וועט זיין אַן עם ישראל. האָט דאָך אָבער היטלער מיט זיין גאַנצען רשעות נישט געקאָנט באַווייזען אַזאַ קונץ ווי צו פאַראייניגען אַלע אידען און זיי טאַקע מאַכען פאַר אידען. . . .

ווי קאָנען מירריידען וועגען אַ אידיש לאַנד, וועגען אידיש פאָלק, ווען מיר געהען וואָס ווייטער אַלץ מעהר אַוועק פון אונזער אידישען נייסט? ווען מיר אַנטלויפען פון אַלץ וואָס איז אידיש — אפילו פון אונזערע אייגענע געפיהלען אַנטלויפען מיר!

וואָס פעהלט אין אונזער אידישען לעבען?

מיר אידען זיינען אַ מאָדנע פאָלק. „אנדערש" ווי אַלע אנדערע פעל־קער, און דאָס וואָס מיר זיינען „אַנדערש" פון אַלעמען, האָט אונז אין איין זייט גענעבען צרות און ליידען און פון דער צווייטער זייט איז אונז ארויס־געקומען אַ טובה.

ווען מיר נעמען דעם פאַקט אַליין, אַז מיר זיינען צעשפּרייט אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט, איז דאָס אין איין זייט אַ שטערונג צו אחדות, און פון דער צווייטער זייט איז עס אפשר אונזער מזל — ווייל ווען מיר וואָל־טען זיך געפונען אין איין פּלאַץ, וואָלט אַזאַ היטלער אונז געקענט פאַר־ניכטען מיט איינמאָל. אָבער אַזוי ווי מיר זיינען צעשפּרייט און צעזייט אויף דער גאַנצער וועלט, קאָן אונז קיינער נישט גרייכען, און אויב איין טייל פון אונזער פאָלק ווערט פארניכטעט, אנטוויקעלט זיך און עס בויט זיך אונזער פאָלק אין אַנדערע פּלעצער.

עס פעהלט אונז אָבער פאַרט איינינקייט — נעמען מיר, למשל, די טשעכען, די פּאָליאַקען, די האָלענדער, און אַלע אנדערע פעלקער, וועלכע זיינען צייטווייליג אריינגעפאַלען צו די נאַציס, און וועלכע שטעהען און קעמפען מיט אַלע מעגליכע מיטלען פאַר זייער בספרייאונג — ביי אָט די אַלע פעלקער, איז לפי שעה אָפּגעווישט אַלע פּאַרטיי ליניעס, אַלע פּאָ־ליטישע ריכטונגען, און בלויז איין ציל ליגט פאַר זיי פאַר — צו געווינען זייער פרייהייט. זיי האָבען זייערע אָפיציעלע פאַרטרעטער, וועלכע פיהרען זייער קאַמף פון באַפרייהונג. וועהרענד ביי אונז אידען — דאָס פאָלק וואָס פאַרשטעהט און האָט אַלעמאָל געפּרעדיגט פרייהייט, זיינען מיר צעריסען אין פּאַרטייען און אין גרופּעס. מיר האָבען ציוניסטען, פּועלי ציון, מזרחי'סטען, הפּועל המזרחי, אגודה'ניקעס, אָרטאָדאָקסען, רעפאָרמער, און אומצעהליגע אנדערע ריכטונגען. מיר האָבען אַלעס, מיר ווילען אַלעס, נאָר קיין פאַראייניגט אידענטום, דאָס האָבען מיר נישט.

ווער זיינען אונזערע אָפיציעלע פּאַרטרעטער? ווען מען זאָל אונז מאָרגענדיגען טאָג רופען צו אַ וועלט קאָנפערענץ — וועמען וועלען מיר שיקען אַלס אונזערע „דיפּלאָמאַטישע פּאַרטרעטער" וועלכע זאָלען זיין אויטאָריזירט צו ריידען אין נאָמען פונ'ם אידישען פאָלק?

ווי עס ווערט דערצעהלט אַן אַנעקדאָט, אַז בשעת די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיך געענדיגט און קיין ווערסיילס זיינען געקומען פּאַרטרע-טער פון אַלע מינאָריטעט גרופּען, צו פּאַרלאַנגען ביים פרידענס קאָנפע-רענץ די רעכט פאַר זייערע פעלקער, איז געקומען דר. סטיפען ווייז און הרב בערלין. אַז מען האָט געפרעגט ביי דר. ווייז, וועמען ער פּאַרטרעט? האָט ער געענטפערט: „דאָס אידישע פאָלק." „און ווער איז דער אַנ-דערער הער?" האָט מען ביי איהר געפרעגט, אָנצייגענדיג אויף הרב בערלין.

„ער דיינקט פונקט אַזוי ווי איך דיינק" . . . האָט דר. ווייז געענט-פערט.

אין אונזער קהל'שען פונקט אַזוי ווי אין אונזער נאַציאָנאַלען לעבען איז נישטאָ קיין אָרגאַניזירטער כח, קיין קאָלעקטיווע האַנדלונג. ווען מיר ווערען באַפאַלען פון די אַנטיסעמיטען, מאַכען זיי נישט קיין אונטער-שיד פון איין איד צום צווייטען. ביי זיי האָבען אַלע אידען איין פּנים. טאָ פאַרוואָס זיינען מיר אין אַזאַ פינסטערער צייט ווי איצט, צעריסען צווישען זיך?

עס איז זעהר שווער פאַר אַ אידען, איבערהויפּט פאַר אַ אידישען געשעפטסמאַן, אַרויסצוקומען מיט קריטיק, מיט אויסזוצען פעהלערען אויף זיך זעלבסט, כאָטש די קריטיק מעג זיך זיין הונדערט פּראָצענט באַ-רעכטיגט. דאָך איז עס ריזיקאַליש אַרויסצוזאָגען דעם אמת, ווייל — ווי זאָגט שעקספּיר: „דער אמת שטעכט ווי מיט שפּיזען" . . .

מיר גלויבען אָבער, אז טאַקע איצט, ווען די לאַגע פון אידישען פּאָלק איז אזא טרויעריגע איבער דער גאַנצער וועלט, דאַרפען מיר זיך עפּעס

אָפּלערנען פון אונזערע נביאים, און אַרויסזאָגען דעם אמת, און אָנצייגען אויף אונזערע פעהלערען, און טאַקע פאַרריכטען דיזעלבע..

עס איז נישט נויטיג צו זיין א גרויסער דיפּלאָמאַט, א גרויסער גע־לעהרטער אָדער וויסענשאַפטסמאַן, צו פאַרשטעהן דאָס פּאָלק, צו פאַר־שטעהן זיינע פעהלערען. ווייל דאָס פּאָלק, דער פּאָלקסמענש פיהלט עס בעסער, ווייסט עס בעסער און קומט אין באַריהרונג מעהר מיט'ן המון איידער דער דיפּלאָמאַט אָדער וויסענשאַפטסמאַן.

פילע גרויסע דיפּלאָמאַטען וואָלטען געוועהן געהאַט מעהר סוקסעס, ווען זיי וואָלטען געווען פאַרשטאַנען און זיך גערעכענט מיט'ן פּאָלק.

פאַרוואָס זאָלען אונזערע גרויסע אידען, אונזערע „פיהרער", נישט רופען א קאָנפערענץ פון אלע פּאַרטייען, פון אלע ריכטונגען, און איינ־מאָל פאַר אלעמאָל שאַפען א פאַראייניגט אידיש פּאָלק? ערוועהלען פאַרטרעטער וועלכע זאָלען ריידען אין נאָמען פון אלע אידען, נישט פון „איסטען"?

פּאָליטישע אַנשויאונגען דאַרפען איבערגעלאָזען ווערען אויף שפּע־טער. לכל הפּחות אויף איין פּונקט קאָנען זיך דאָך אלע איינינען, אז מיר זיינען אידען און מיר כאַפּען גלייכע קלעפּ פון אונזערע שונאים . . .

וואָס האָבען מיר באַמערקט ביים לעצטען קאָנפערענץ פון „יונייטעד פּאַלעסטיין אַפּיל" אין סטאַטלער האָטעל? וואו איז געוועזען די אָרטאָ־דאָקסיע? וואו זיינען געוועזען די אנדערע שיכטען פון אונזער פּאָלק?

מיט'ן גרעסטען רעספּעקט צו דר. סטיווען ווייז, צו ראַביי אבא הילל סילווער, קאָן מען דאָך פאָרט נישט זאָגען אז זיי פאַרטרעטען שוין דאָס גאַנצע אידישע פּאָלק! זיי קאָנען דאָך פאָרט נישט אַרויסקומען און

זאָגען, אַז ארץ ישראל קאָן פון זיי געשאַפען ווערען אַלס אַ אידיש לאַנד, לויט זייערע באַגריפען, און עס זאָל צופרידען שטעלען אַלע קלאַסען אידען!

עס פעהלט אונז אַ שטאַרקע האַנט, וואָס זאָל שאַפען אַ פאַראייניגט אידענטהום, ווי אונזער תורה האָט עס אַמבעסטען סימבאָליזירט — „ישראל ואוריתא וקודשה בריך הוא חד הוא".

לויט'ן שכל הישר וואָלט באַדאַרפט זיין, אַז די רדיפות, וואָס היטלער מאַכט אויף אידען, וואָלטען באַדאַרפט האָבען פאַראייניגט אונזער גאַנץ פאָלק. איז אָבער צום באַדויערען דער נס נאָך נישט געשעהן. אפילו היטלער קאָן עס נישט באַווייזען. מיר האָבען זיך אַזוי צוגעוואוינט צו היטלער'ן, אַז דאָס אַרט אונז שוין אויך נישט.

איצט, אין דער צייט, וואָלט מען געקאָנט מיט רעכט ערוואַרטען, אַז אויף להכעיס אונזערע שונאים, דאַרפען מיר זעהן, אַז אידישקייט זאָל בלי־העז אין אַלע איהרע צווייגען, אין אַלע לענדער וואו עס איז נאָך דערווייל פאַראַנען פרייהייט.

צום באַדויערען זעהען מיר נישט קיין אַלגעמיינע אויפבליהונג פון אידישקייט. ווען מיר זאָגען אידישקייט, מיינען מיר אַלע צווייגען פון אידישען לעבען, אידישע קולטור, אידישע שפּראַך, אידיש טעאַטער, אי־דישע צייטונגען און ביכער.

עס איז לעכערליך צו זאָגען, אַז מיר ווילען ארץ ישראל, נאָר די תורה איז נישט וויכטיג. אָהן דער תורה האָבען מיר דאָך אינגאַנצען נישט קיין „מאָרטגיידזש" אויף ארץ ישראל!

אונזער גאַנצע ביינקעניש, אונזער גאַנצע טענה פאַר'ן הייליגען לאַנד, קומט דאָך צו אונז על פּי תורה. גאָט האָט עס פאַרשפּראָכען צו אברהם און מיר האַלטען איהם ביים וואָרט. זעהר גוט — האָבען מיר אַ גערעכטע פאָדערונג — אמת. ווען איז דאָס אָבער גערעדט געוואָרען? „והיה אם שמוע תשמעו" . . . אויב מיר פאָלגען אוים וואָס די תורה האָט אונז ווייטער געזאָגט — „כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים".

צו וואָס זשע זיין היפּאָקריטען, און קומען מיט טענות צום רבונו של עולם און צו דער וועלט?

ער האָט אונז טאַקע פאַרשפּראָכען. מיר האָבען דאָך אָבער אויך עפּעס פאַרשפּראָכען: „נעשה ונשמע“ . . . מיר האָבען דאָך געבראָכען אונזער פאַרשפּרעכען אויף שריט און טריט!

אז עס קומט צו תורה, אז מען דאַרף געהן נעמען ביי א אידען געלט אויף א ישיבה אָדער תלמוד תורה, קומט עס אָן מיט שפיכת דמים . . . מוטשען זיך דען נישט אַלע ישיבות מיט זייער עקזיסטענץ?

ווען א איד קומט צוגעהן און זאָגט, אז ער איז „עי גוד זייאָניסט“ נאָר ער גלויבט נישט אין שוהל און אין ישיבות, איז ער אָדער דום, אָדער דער גרעסטער היפּאָקריט. ווייל אָהן אונזער תורה ,איז נישטאָ קיין „זייאָניזם“ און קיין „פּאַלעסטיין“ . . .

פילע מענשען וועלען פיליכט שטעלען די פראַגע: איך האָב דאָך אין דעם בוך געשריבען מיין ביאָגראַפיע, ווי זשע קום איך אריין אין מיטען מיט דער אידישער פראַגע? ווייל איך גלייך דאָ באַמערקען, אז וואָס א מענש טראַכט און וואָס ער גלויבט, איז אויך א טייל פון זיין לעבען. די ביאָגראַפיע פון מיין פאָלק, די ליידען פון מיין פאָלק, איז אויך מיין ביאָגראַפיע און מיינע ליידען.

איצט איז די צייט, אז אונזערע גדולים בפרט און אַלע אידען בכלל, זאָלען זיך גוט אריינטראַכטען אין דאָס נויטווענדיגסטע, וואָס עס פאָדערט זיך איצט . . . און דאָס איז, צו בויען אונזער אידישען בנין אויף א פעסטען יסוד און פאַראייניגען אונזער פאָלק.

פילע מאָל קומט מיר אויס צו הערען ווי אידען, געבוירענע אמעריקאַנער, אָדער וועלכע זיינען דאָ אויפגעצויגען געוואָרען, באַמערקען:

„„אי עם עי דזשו ענד אי עם פּראַוד אָוו איט“.

איך בין אַ איד און איך בין שטאָלץ דערויף, און מיט דעם ווילען זיי אָפּ׳פּטר׳ן זייער אידישקייט.

איז דאָס זעהר אַ פאַלשער באַגריף. וויל צו רופען זיך איד און זיין אַ איד איז צוויי באַזונדערע זאכען.

צו זיין אַ איד מיינט, צו לעבען אין אידישען גייסט, צו טראַכטען אידיש און אַנטייל נעמען אין אַלעם וואָס איז אידיש.

קאָן זיך איינער אוועקשטעלען און זאָגען איך בין אַן אמעריקאַנער און דאָס אַלעס? צו זיין אַן אמת׳ער אמעריקאַנער פאָדערט זיך עפּעס מעהר ווי בלויז זאָגען איך בין אַן אמעריקאַנער. מען דאַרף דאָך טהון אויך דערצו!

וועט אַ ריכטיגער אמעריקאַנער נישט אונטערשטיצען אַלעס וואָס איז אמעריקאַניש? וועט ער נישט ריידען די שפּראַך פון אמעריקא? וועט ער נישט אונטערשטיצען זיינע קאָלעדזשעס, זיינע טעאַטערס, זיינע קולטורעלע יסודות?

דוכט זיך, אַז אידען האָבען מעהר פאַרפּליכטונגען צו זייער אידישקייט ווי אירגענד וועלכער אַנדערער האָט צו זיין פאָלק.

מיט דעם וואָס אַ אינגעל פּטר׳ט אָפּ זיין בר מצוה הפּטורה און ווייטער אינטערעסירט איהם נישט אידישקייט, מיט דעם ווערט ער נאָך נישט קיין איד. מיט דעם וואָס ער ווערט פון מאָדע וועגען אַ „זייאָניסט" ווערט ער נאָך נישט קיין איד.

אַזוי לאַנג ווי מיר פאַרנאַכלעסיגען אונזער לעהרע, אונזער תורה, אונזער אמונה, אונזער שפּראַך, אונזער קולטור, קענען מיר זיך נישט אָנרופען קיין אידען.

מיר קאָנען נאָר דאַן האָבען אַ טענה און פאָדערען פון גאָט, ער זאָל האַלטען זיין „קאָנטראַקט" מיט אונז, ווען מיר וועלען אויך האַלטען אונזער „אַגרימענט" מיט איהם. און צום באַדויערען האָבען מיר דעם „קאָנטראַקט" געבראָכען זעהר אַ סך מאָל.

מיר מוזען אויפוואַכען פון אונזער שלאָף און פאַרשטעהן, אַז דער אַנטלויפען פון זיך אַליין וועט אונז נישט העלפען. ווייל די היטלערס לאָזען אונז נישט אַנטלויפען . . . אונזער אַסימילירען זיך וועט נישט העל־פען. עס האָט ניט געהאָלפען אין דייטשלאַנד, עס האָט נישט געהאָלפען אין אונגאַרן, עס האָט נישט געהאָלפען אין איטאַליען — אין די לענדער וואו די אַסימילאַציע האָט דערגרייכט איהר העכסטען פּונקט. גראַדע דאָרטען האָט זיך אַנטוויקעלט דער געפעהרליכסטער אַנטיסעמיטיזם.

גראַדע אין דייטשלאַנד, וואו אידן האָבען גערעדט דייטש, האָבען זיך געפיהלט מעהר דייטשיש ווי די דייטשען אַליין; גראַדע אין אונגאַרן, וואו אידען האָבען מיט אַלע מעגליכקייטען זיך געסטאַרעט איבערצושטייגען די אונגאַרן אַליין; און איטאַליען — וואו מען האָט אָפּגעווישט אַלע גרעניצען צווישען דעם אידען און איטאַליענער — גראַדע אין די לענדער, וואו עס איז געווען דאָס וויגעלע פון אַסימילאַציע און שמד, האָט זיך צעשפּרייט דער גרעסטער אידענהאַס און אידען־פאַרפאָלגונג, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן.

וואָס האָט געהאָלפען דאָס אַנטלויפען פון אידישקייט?

איז דאָך שוין גלייכער, אויב ליידען, אויב בריינגען קרבנות, אויב אומקומען, זאָל עס זיין פאַר אַן אידעאַל . . . פאַר אונזער תורה . . .

וואָלט אַט דאָס באַדאַרפט זיין די בעסטע לעקציע. דער בעסטער באַווייז פאַר אונז, אַז דאָס פאַרשטעלען זיך פאַר גוים, וועט אונז נישט ראַטעווען פון רדיפות. אויב ליידען פאַר אידישקייט, זאָלען מיר ליידען אַלס אידען און נישט אַלס גוים . . .

וואָס דאַרפען מיר אידען טאָן אין דעם איצטיגען מאָמענט?

עס איז קיין קונסט נישט צו קריטיקירען, אויסצוזעצען פעהלערען. צו קומען און זאָגען אז אזוי טויג נישט, דאָס קאָן יעדער איינער, ווייל דאָס איז די לייכסטע זאך צו טהון. אָבער אָנצייגען דעם אַנדערען וועג, ווי אזוי אויסצובעסערען דיזע פעהלערען, דאָס איז שוין אביסעל שווערער, צוליב פאַרשידענע אורזאַכען:

ערשטענס איז דיזער פּראָבלעם אזא שווערער, אז עס פאָדערט זיך גרויס קענטשאַפט צו געפינען די לייזונג דערפאַר. צווייטענס, זיינען מיר צוגעוואוינט דערצו, אז ווען א מענש, וואָס איז נישט אָנערקענט ביי אונז אַלס פיהרער פון א געוויסער ריכטונג, אָדער אזוי אַלס א גרויסער מענש און וואָרטזאָגער, איגנאָרירען מיר איהם. כאָטש עס קאָן זיין, אז גראַדע די נישט אָנערקענטע, אָדער זעלבסט געקרוינטע פיהרער, האָבען בעסערע געדאַנקען און פּלענר ווי צו פאַרריכטען אונזערע פעהלערען.

איצט, אין דער צייט ווען די וועלט האַלט אין מיטען ברען פון מלחמה, ווען מיליאָנען מענשען שטעהען פּנים אל פּנים מיט'ן שווערד אין זייערע הענט, און פאַרניכטען איינער דעם צווייטען — דאַרפען מיר אידען פאַרשאַרפען אונזער גייסטיגען שווערד. דער קול יעקב דאַרף אין דעם מאָמענט געהערט ווערען העכער ווי אַלעמאָל, עס דאַרף אָפּקלינגען איבער דער גאַנצער פאַרבלוטיגטער וועלט. מיר דאַרפען צייגען א ביי־שפּיל פון אחדות און פאַראייניגען אַלע אונזערע כחות, אָפּווישען אַלע גרעניצען, אַלע פּאָליטישע איבערצייגונגען און אַרבייטען פאַר איין ציל, פאַר איין צוועק — די אויפלעבונג פון אונזער ותרה, פון אונזער אמונה, און אונזער פאָלק.

דאָס קאָן זעהר לייכט געטאָן ווערען; דאָס דאַרף זיין די אַרבייט, די הייליגע אויפגאַבע פון יעדען אידען. אזוי ווי אין ענגלאַנד איז געשאַ־

פען געוואָרען דער סלאָגאַן — „ווי“ פאַר „וויקטאָרי“ — זיג — אַזוי דאַרף איצט זיין אונזער אות —„א“ אחדות — אחד — און דער אות, דער גייסט פון דעם אות, דאַרף איינגעפלאַנצט ווערען אין יעדען אידי־שען הארץ, אין יעדען אידישען מוח, אין יעדער אידישער היים. עס דאַרף אָנפילען די אידישע גאַס.

לויט אונזער קבלה, האָט גאָט באַשאַפען די וועלט דורך מצרף זיין די אותיות, און לויט ווי דער תלמוד דערצעהלט אונז, האָט בצלאל אויפ־געבויט דעם משכן אויף דעם פּרינציפּ פון אותיות, ווי מיר געפינען עס אויך אין ספר היצירה, אַז מיט די אותיות קען מען וועלטען באַשאַפען — אַזוי דאַרף איצט די „א“ ווערען דער אות „היצירה“ ביי אונז אידען—צו שאַפען די אחדות פון אונזער פאָלק, און עס דאַרף ווערען „עם אחד“ א פאַראייניגט פאָלק, און נאָר דאַן וועלען מיר קענען זיין באַרעכטיגט צו אונזערע פאָדערונגען.

מיר געפינען דעם סימבאָל פון די אותיות אויך אין די געשיכטע פון די עשרה הרוגי מלכות — ווען מען האָט איינעם פון אונזערע תנאים געפיהרט צו פאַרברענען או זדי תלמידים האָבען איהם געבעטען און גע־וויינט — מיר וועלען בלייבען יתומים, וואָס וועלען מיר טאָן אָהן אונזער רבי'ן? ווער וועט מיט אונז לערנען תורה? האָט ער אויסגעשריען: „זיי קענען פאַרניכטען אונזערע קערפּערס, אָבער אונזער גייסט, אונזער תורה, דאָס נישט. די פייערדיגע אותיות וועלען אַלעמאַל שוועבען אין דער לופטען, און שאַפען נייע אידישע וועלטען.

איז איצט די צייט, אַז די אותיות זאָלען שוועבען פאַר אונזערע אויגען און שאַפען א נייעם גייסט, א נייע נשמה פאַר אונזער פאָלק.



אבי מורי ר' אברהם ב"ר לוי ז"ל

אביסעל געשיכטע וועגען מיין טאַטע־מאַמע

אין אָנפאַנג פון מיין ביאָגראַפיע האָב איך אָנגעפאַנגען גלייך פון דער צייט ווען איך בין געקומען קיין קענעדע אַלס 16־יאָהריגער אינגעל. איך קאָן אָבער נישט פאַרפעהלען אָדער אויסלאָזען די געלעגענהייט, איצט, ווען איך ענדיג מיין ביאָגראַפיע, און נישט דערצעהלען עפּעס וועגען מיינע עלטערען.

קיין גרויסע געשיכטע האָב איך נישט צו שרייבען וועגען מיינע עלטערען. ווייל, זיי זיינען געווען פּשוט'ע, עהרליכע און פרומע מענשען. מיין הויפּט געדאַנק אָבער איז, צו געבען דאַ אַ שטיקל פאַרגלייך פון דעם אידישען לעבען אמאָל אין דער אַלטער היים, און היינט, דאַ, אין אמעריקא.

מיין טאַטע, ר' אברהם בערנצווייג, איז געבוירען געוואָרען אין דעם שטעדטעל זשאַרנאָוו, ראַדאָמער גובערניע, און מיין מאַמע האָט געהייסען חוה. זי איז געבוירען געוואָרען אין אַ דאָרף נעבען בעלכאַטאָוו.

ווען איך בין אַלט געווען אכט יאָהר האָב איך געמוזט אויפהערען געהן אין חדר און זיך לערנען אַ מלאכה, ווייל מיין טאַטע איז פּשוט נישט געווען בכח צו ערנעהרען די פאַמיליע.

די אָרימקייט איז געווען אַזוי גרויס ביי אונז, אַז מוצאי שבת האָט שוין מיין טאַטע באַדאַרפט אָנפאַנגען זאָרגען וועגען עסען אויף דעם קו־מענדען שבת — איז געווען פאַריאָגט די גאַנצע וואָך צו פאַרדינען אויפ'ן ביסעל עסען.

היינט, ווען איך גיב אַ טראַכט און מאַך אַ פאַרגלייך פון יענעם ארט אידישען לעבען ביז צום היינטיגען אידישען לעבען אין אמעריקא פאַר־שטעה איך ערשט איצט, וואָס עס מיינט בטחון — וואָס עס מיינט „ואהבת את ה'" און וואָס עס מיינט אַן אמת'ער איד.

מען דאַרף פאַרשטעהן, אז מיין טאַטע איז געווען אַן אָרימער שניי־דער, וועלכער האָט זיך כל ימיו געמוטשעט אויף צו דערהאַלטען די נשמה פון זיך און זיין פאַמיליע. דאָך, אז עס איז געקומען שבת איז ער געווען גלייך מיט'ן גביר און גייסטיג נאָך אביסעלע העכער. אַזא עונג שבת ווי איך האָב געזעהן ביי מיין טאַטען, דעם אָרימען שניידער אין הויז, האָב איך זייט דאַן אין קיין אַנדער הויז נישט געזעהן. מיין טאַטע, ע"ה, האָט באַלאַנגט צו יענער קאַטעגאָריע, צו יענעם דור, וועלכער איז שוין טיילווייז פאַרשוואונדען, און האַלט אין אַוועקגעהן. אַ איד וועלכער איז, נישט קוקענדיג אויף זיין אָרימקייט, נישט אַפּשרעקענדיג זיך פון הונ־גער און נויט, תמיד געווען פול מיט בטחון, און איז אַלעמאָל געווען גרייט זיין אייגען ביסען פון מויל אַוועקצוגעבען אַ הונגעריגען.

יעדען אינדערפריה פלעגט ער אויפשטעהן איידער דער פריהמאָרגען האָט זיך באַוויזען און ביים שיין פון אַ קעראָסין לאָמפּ, האָבען אַזוי האַר־ציג אָפּגעקלונגען די זיסע, אידישע טענער פון חצות און זיין שטימע האָט זיך געטראָגען ווייט, ווייט אַוועק אין די הימלישע ספערען, און דער ווידער־קול קלינגט נאָך היינט אָפּ אין מיינע אויערען פון יענער לאַנגער און טרויעריגער, אָבער צו דערזעלבער צייט אידיש האַרציגער פאַרגאַנ־גענהייט.

פיל מאָל, ווען מיינע געדאַנקען פאַרטראָגען מיך צוריק צו יענע פריה־מאָרגענס, צו יענע שעהנע שבתים און ימים טובים, טראַכט איך ביי זיך שטילערהייט, ווער איז געווען רייכער? מיר, וועלכע וואוינען אין די פיינע, מאָדערנע הייזער — מיר, וועלכע האָבען פאַרמאַטעריאַליזירט אונ־זער גייסט, אונזער האַרץ — מיר, וואָס די יאָגעניש נאָך רייכטהימער האָט ביי אונז פאַרוואָכענט אונזער נשמה, אונזערע שעהנע ימים טובים, אָדער אונזערע טאַטעס, וועלכע האָבען אפילו אין זייער גרויס אָרימקייט געפונען גייסטיגע באַפרידיגונג, נשמה'דיגע דערהויבונג, וואָס איז פון הע־כערען באַדייט ווי אונזערע אַלע רייכטהימער און פאַרגניגענס?

אפילו דעם טעם פון געבען צדקה, פאַרשטעה איך איצט, אז די אמת'ע מצוה פון געבען צדקה, האָט פאַרשטאַנען אזא איד ווי מיין טאַטע, וועל־כער האָט אוועק גענומען פון זיך און עס אוועקגעגעבען באהבה און מיט פרייד אין זיין הארצען. און מיין מאַמע ע"ה האָט חלילה נישט פּראָטעס־טירט, פאַרקעהרט, זי איז געווען צופרידען.

אונזערע טאַטעס האָבען נישט באַדאַרפט גנבה'נען קיין מצוה פון צדקה געבען, אז די מאַמעס זאָלען זיך חלילה נישט דערוויסען, ווי עס איז ליידער היינט דער פאַל אין מעהרסטע הייזער. ווייל אונזערע מאַמעס זיינען אויך געווען דורכגעדרונגען מיט דעם אמת'ען אידישען גייסט און שעהנע אידישע מידות, וועלכע זיינען אין זיי איינגעפלאַנצט געוואָרען פון זייערע עלטערען. עס איז בלויז א שאָד, וואָס יענער שעהנער, גייסטיגער שטראַהל פון אונזערע עלטערען, איז פאַרדעקט און פאַרצויגען געוואָרען מיט געדיכטע שווארצע וואָלקענס פון מאַטעריעלע אינטערעסען און גלייכגילטיגע באַציהונג צו אלעם וואָס איז ריין, שעהן און ערהאַבען און אמת אידיש.

נישט אומזיסט איז אין אונזערע תפלות אריינגעשטעלט געוואָרען דער „חדש ימינו כקדם" . . . עס בענקט זיך נאָך יענע טעג, נאָך יענע שבתים און ימים טובים . . .

מרס. איידאַ סיגעל

איך קויף א באַרגיין „עולם הבא"

דעם עפּיזאָד וואָלט איך אייגענטליך נישט באַשריבען, ווען נישט די טשיקאַווע זייט דערפון.

איינמאָל, זיצענדיג אַזוי אין מיין סטאָר, ווען עס איז נישט געווען ביזי, און מיר האָבען געכאַפּט א שמועס אַלע צוזאַמען, קומט אַריין מיינע א באַקאַנטע פרוי, מרס. וואַלאַך. איהרע אויגען זיינען געווען פול מיט טרעהרען, און א פאַרצווייפעלטער אויסדרוק איז געלעגען אויף איהר פּנים אויסגעשפּרייט.

„מר. בערנצווייג, איך מוז אייך גלייך זעהן, וועגען זעהר א וויכטיגער זאַך".

איך האָב זי אַוועקגענומען אין א זייט און געפרעגט ביי איהר:

„ וואָס איז אייער פאַרלאַנג און וואָס עפּעס אַזוי פאַרטרויערט?"

„איך בין זעהר אין א פאַרצווייפעלטער לאַגע, מיין פריינד, און אויב איהר ווילט זיך קויפען עולם הבא, האָט איהר איצט די געלעגענהייט," האָט די מרס. וואַלאַך אין א וויינענדיגען טאָן פאָרטגעזעצט — „מיינע א שוועסטער דאַרף אַהערקומען פון יענער זייט ים, און איהר וויזע געהט אויס אין עטליכע טעג . . . איהר פאַרשטעהט, איך מוז שוין אַוועקשיקען געלט, אויב נישט, ווער ווייסט וואָס עס וועט פון איהר דאַרטען ווערען."

„איך האַלט נישט ביי קויפען עולם הבא", האָב איך זיך אָפּגערופען, „אָבער העלפען אייך אין אַזאַ צייט, פיהל איך אַז עס איז מיין פליכט. וויפיל דאַרפט איהר האָבען?"

„צוויי הונדערט דאָלאַר, און איך וועל עס אייך אומקעהערען אין צוויי וואָכען צייט".

איך האָב דער פרוי געגעבען די צוויי הונדערט דאָלאַר, און זי האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר פרייד.

אַז די פרוי איז אַרויס פון מיין סטאָר, האָבען מיינע חברה אָנגעהויבען מיך קיבעצען, אַז איך וועל די געלד קיינמאָל מעהר נישט זעהן.

„נו, וואָס קאָן דאָ זיין? וועל איך האָבען געקויפט א באַרגיין — עולם הבא פאַר צוויי הונדערט דאָלאַר איז אַלין א מציאה", האָב איך מיינע קיבעצער געטרייסט.

אַז עס זיינען אַריבער די צוויי וואָכען, פּונקט אויף דעם לעצטען טאָג, קלינגט דער טעלעפאָן.

„דאָס רעדט די מרס. וואַלאַך", האָט זיך דערהערט א שטימע פון יענעם זייט טעלעפאָן. „איך וועל זיין ביי אייך אין צוואַנציג מינוט אַרום".

אַז די פרוי איז אַריינגעקומען, איצט שוין מיט א שמייכעל אויף איהר פּנים, און אויסגעצעהלט די צוויי הונדערט דאָלאַר, האָב איך געהאַט דעם גרעסטען נצחון איבער מיינע חברה און זיי געצייגט, אַז האָבען נישט ריכטיג אָפּגעשאַצט די פרוי, און איך האָב פאַרלוירען א „באַרגיין", ווייל עולם הבא, איז אַלעמאָל ווערט צוויי הונדערט דאָלאַר, אפילו אויף א ריזיקע . . .

אַ סדרה אַפידייוויטס

זייט די צרות אויף יענער זייט ים האָבען זיך אָנגעפאַנגען און יעדער איינער האָט געזוכט זיך ארויסצוראַטעווען פון היטלער׳ס נעגעל, האָבען זיך פאַרשידענע מענשען געווענדעט צו מיר נאָך אַפידייוויטס אום צו קענען ארויס ברייננען זייערע קרובים.

צוערשט האָב איך ארויסגעבראַכט מיינע אַן אייגענע שוועסטער, אַ מיידעל, און עס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. געגנוג שלאָפּ־לאָזע נעכט און אומרוהיגע טעג זיינען אַוועק, איידער איך האָב דערלעבט די מינוט, ווען איך האָב זי דערזעהן אויפ׳ן דעק פון שיף, וועלכע איז אָנ־געקומען אין האַבאָקען.

מיין שוועסטער איז אַוועק קיין קאַליפאָרניע, און דאָרטען האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ וואוילען יונגענמאַן מיט וועמען זי לעבט גליקליך.

איך האָב אויך געשיקט אַפידייוויטס צו פילע אַנדערע פרעמדע מענ־שען, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געקענט. עס איז אָבער געווען אַ פראַגע פון פקוח נפש, און איך האָב געפיהלט, אַז עס איז מיין פליכט צו העלפען זיי.

שלום וואָרט

דעם בוך לאָז איך איבער צום לעזער און צו די אָפיציעלע קריטיקער צום אורטיילען וועגען זיין ליטעראַרישען און פּראַקטישען ווערט.

איך פיהל זיך אָבער פאַרפּליכטעט צו מיינע אומצעהליגע פריינד און באַקאַנטע, וועלכע האָבען שוין געקויפט דעם בוך, און וועלכע וועלען ערשט קויפען. צו זיי וויל איך אויסדריקען אַ דאַנק פון מיין טיפסטען האַרצען. און איך האָף, אַז זיי וועלען ריכטיג אָפּשאַצען און פאַסען אַן עהרליכע מיינונג וועגען דעם אינהאַלט.

אויך וויל איך דאַנקען די אומצעהליגע אָרגאַניזאַציעס מיט וועלכע איך בין פאַרבונדען און מיט וועלכע איך אַרבייט צוזאַמען צום וואוילזיין פון אונזערע מיטמענשען.

איך וויל אויך באַטאָנען, אַז קיין פּערפעקטע זאַך איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ און קיין מענש איז אודאי נישט פּערפעקט. אויב עס זיינען פאַראַנען געוויסע שטעלען אין דעם בוך, וועלכע זיינען נישט אינ'ם „סטענדאַרד פון פּערפעקשאָן" איז דאָס מענשליך — אַזוי איז יעדע זאַך, וואָס אַ מענש שאַפט. גאַנץ און אָהן חסרונות איז בלויז די גאָטהייט. דאָס וואָס גאָט האָט באַשאַפען איז פּינקטליך און אַרבייט פּינקטליך. מעגען מיר רוקען דעם זייגער אַהין און צוריק, די זון ווערט נישט נתפּעל דערפון און זי אַרבייט לויט איהר געוועהנליכען חשבון.

איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ מאָראַלישע רעזולטאַטען איך וועל האָבען דערגרייכט מיט אָפּדרוקען מיין ביאָגראַפיע, אָבער איין זאַך איז פאַר מיר שוין איצט קלאָהר, אַז עפּעס אַ נוצען וועט אַרויסקומען דערפון פאַר אַ גוטען צוועק, און דאָס איז אייגענטליך געוועזען דער הויפּט פּרינ־ציפּ פון שרייבען דעם בוך.

בילדער און טיפּען

אויפגעכאַפּט אין סטאָר

פון

קעפּיטאַל קלאָטהינג

פון יצחק שעהן

בילדער און טיפּען

אויפגעכאַפּט זיצענדיג אין די קעפּיטאָל קלאָדהינג

עס עפּענט זיך די טיר און עס קומען אריין דריי פּעסט־געבויטע פרויען. איהר קענט גלייך דערקענען, אז דאָס זיינען נישט קיין אידישע. זיי געהען צו גלייך צו מר. בערנצווייג און אין א באַפעהלערישען טאָן גיבען זיי א זאָג:

„וואָס קענט איהר טהון פאר אונזער קירכע? מיר האָבען א באַזאר און מיר ווילען ביי אייך קריגען וואהרע".

מר. בערנצווייג גיט זיי איבער צום מענעדזשער פון סטאָר, מר. פיעלדס.

מר. פיעלדס, א הויכער שעהנער יונגערמאַן, מיט א שמייכעל אויף זיין פּנים וועלכער פּאַרלאָזט איהם נישט אויף איין מינוט, פאַנגט אָן זוכען, ביז ענדליך געפינט ער עטליכע „קעפּס" און ער גיט עס זיי אוועק.

די פרויען זיינען אָבער נישט צופרידען, און זיי שעהמען זיך ניט, זיי געהען צו צום בעל הבית און נעמען איהם אין דער ארבייט. מר. בערנצווייג געפינט נאָך אַנדערע זאַכען, ווי א טאָקסידאָ קאָוט, און אַנדערע קלייניגקייטען, און בעט זיי זאָלען נישט זיין בייז.

אז די פרויען זיינען אוועק, איז מיר געקומען אויפ'ן געדאַנק, אז עס איז גוט צו זיין א „גוי" — א גוי פּאָדערט און עס קומט איהם. נישט ווי א משולח, אז ער קומט אריין בעטען געלט אויף א ישיבה, אָדער אָן אַנדערע אינסטיטוציע, קומט ער אריין מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, מיט תחנונים, און דאַנקט גאָט אז מען ווארפט איהם נישט ארויס. און איך טראַכט ווייטער ביי זיך: „ווען א ישיבה קריגט אריין אַזעלכע דריי קאָלעקטאָרס ווי די דריי גויעס, וואָלטען זיי נישט באַדאַרפט זאָרגען פאר געלט". . .

ער איז אַן אַקטיאָר

איינער פון די סיילסלייט, דער עלטסטער, איז שוין אַ מאַן אין די 70־גער. אַמאָל, אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער געווען אַן אַקטיאָר און זיין אַקטיאָרישער טאַלאַנט קומט איהם צונוץ אין זיין היינטיגע פּראָפעסיע.

מאַנכע פון די סיילסלייט זיינען אייפערזיכטיג, אויף איהם, ווייל זעלטען ווען פּאַסירט עס, אַז ער זאָל פאַרלירען אַ קונה, קוים פאַלט יענער אריין צו איהם אין די הענט, ווער ער שוין לײדיג נישט ארויסגעהן פון סטאָר.

אין וואָס זיין טאַלאַנט באַשטעהט, איז שווער צו דערגעהן, אָבער נאָכפאָלגענדיג איהם עטליכע מאָל, זיינע באַוועגונגען, זיין ריידען צו מענשען, קאָן מען זיך שאַפען אַ שטיקעל באַגריף ווי אַזוי ער ארבייט מיט זיין אַקטיאָרישען טאַלאַנט.

אָט זעהט איהר, ווי ער ארבייט אויף אַ קונה, און רעדט קיין איבריג וואָרט ניט ארויס. ער מאַכט זיך ווי ער וואָלט ערשט געווען אַ גרינער, וועלכער פאַרשטעהט נישט די ארבייט, און וואָס עפּעס, לויפט ער גלייך פרעגען דעם בעל הבית. און אָט, מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, ביי אַ צווייטען קונה, ווייסט ער שוין אַלעס בעסער, ווי דער בעל הבית אַליין. און שטעלט אַלעס אויף זיך — די פּרייז, די קוואַליטעט פון דער וואַרע — אַלעס ווייסט ער.

וואָלט דערזעלבער סיילסמאַן געווען מיט 20 יאָהר יונגער, וואָלט ער אַלעמען איבערשטיגען.

. מען קומט און מען געהט

די טהיר אין קעפּיטאָל קלאָדהינג אַרבייט אַם שווערסטען. אויף קיין איין מינוט שטעהט זי נישט ליידיג. טאָמער איז עס נישט קיין קונים, איז עס אַ קאָמיטע פון אַן אינסטיטושאָן, אַ משולח, אַזוי אַן אָרימאַן, אָדער פריינד און סיילסלייטע ווּעלכע פאַרקויפען עפּעס.

דער בעל הבית דערקענט זיי שוין אַלעמען פון דערווייטענס — און איידער וואָס ווען, ערליידיגט ער מיט זיי, נישט פאַרלירענדיג קיין איבּ־ריגע צייט.

אַט באַווייזען זיך צוויי פרויען, זיי זיינען נאָך אויף יענער זייט טיר. גיט מר. בערנצווייג אַ רוף אויס צו זיין בוכהאַלטערין: „בלענטש! מאַך אויס אַ טשעק פון פינף דאָלאַר.“ און ביז וואַנען די קאָמיטע פון פרויען איז רעכט צוגעקומען איז שוין דער טשעק געווען פאַרטיג — אויסגע־שטעלט — בלויז דער נאָמען פון דער אינסטיטושאָן האָט געפעהלט.

אַט קומט אריין אַ קליין געוויקסיג אידעל, מיט אַ שפּיציג בערדעל, און איידער ער וויקעלט זיך פונאַנדער, האַלט ער שוין אַ מטבעה אין האַנט. ליידיג געהט קיינער נישט אַרויס. און אַלע, אַלע ווייסען דעם „אַדרעס“ פון קעפּיטאָל קלאָדהינג, אַז פון דאָרטען געהט מען נישט אַרויס ליידיג . . .

אַ געראָטענע פרוי

פאַראַנען מענשען זיינען זיי פון נאַטור באַגאַבט מיט פאַרשידענע פעהיגקייטען.

און פונקט אַזוי ווי עס פּאַסירט, אַז די נאַטור גיט איינעם צופיל געלט און דעם צווייטען צו ווענִיג, אַזוי איז אויך מיט פעהיגקייטען, איינעם גיט זי צופיל און דעם צווייטען צו־ווענִיג.

די בוכהאַלטערין פון די קעפּיטאַל קלאָדהינג, אַ יונגע סימ־פּאַטישע פרוי — איז זי באַגאַבט מיט מעלות — ווילט איהר, זעצט זי זיך אַוועק ביים ניי־מאַשין און פאַרריכט סוטס, און אָט שטעהט ז ישוין ביים פּרעסינג מאַשין, און פּרעסט הויזען. חוץ דעם קאָן זי טרייבען אַן אויטאָמאָביל, איז אַ גוטע סיילסליידי, איז פלינק צום איינ־פּאַקען סוטס און קאָוטס, קאָן גוט רעכענען און שרייבען אויף אַ טייפּ־רייטינג מאַשין — מיט איין וואָרט, זי איז אַ פרוי מיט אַ סך מעלות, און מען קאָן זיך אויף איהר פאַרלאָזען — אַ זעלטען פעהיגע ווייבעל, אָט אַ די בוכהאַלטערין.

וואָס אַ איד קען אויפטאָן

קומט אריין אַ איד, מיט רויטע וואָנצעלעך, אַלאַ היטלער, מיט אַ שמאָלען שוואַרצען הוט אויף זיין קאָפּ, און מיט אַ 5־סענטיגער סיגאַר אין זיין מויל, וועלכע ער רויכערט מיט אַזאַ פּארנעם, ווי עס וואָלט געווען די איינציגע סיגאַר אויף דער וועלט.

ריידען רעדט ער דעם באַריהמטען אונגאַרישען אידיש, וואָס גרענ־ניצט זיך מיט דייטש. ער שטעלט זיך פאָר:

„מיין נאָמען איזט קאַנטאָר ברודמאַן, דאָס הייסט, קיין חאַזאַן בין איך נישט, נאָר איך דאַווען ביפאָר דעם עמוד.

„און ביי פּראָפעסיאָן בין איך דער רעפּרעזענטיווע פון דער פּיל באַריהמטער ישיבה, פּיליי‌כ האבען זי געהערט, וואו עס. לערנען 23 געפּליכטעטע קינדער פאַן דזשאָפּען.

„און וויסען זי, איך קאָן יעדען איינעם אידען, וועלכער גיבט געלט און איך בין דער בעסטער קאָלעקטאָר צווישען אַלע קאָלעקטאָרען, און ווי זאָגט מען אין אונזער הייליגער טוירע — וה׳ נתן, וה׳ לקח . . .

אַלזאָ, צו דער זאַכע, צייגען זי מיר איין „געוואָנטעל״, עטוואָס אזוינס און אַזוינס — עס מוז אָבער זיין ביליג.“

דער סיילסמאַן, צו וועמען ער האָט געהאַלטען די דאָזיגע דרשה, איז אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן, און ער פאַרשטעהט נישט קיין וואָרט וואָס יענער האָט גערעדט צו איהם, און ער גיט איהם גלייך איבער צום בעל הבית.

מר. בערנצווייג צייגט איהם איין סוט, אַ צווייטען, און אַ דריטען, ביז ער טרעפט איינעם, וועלכער איז פונקט ווי געמאַכט פאַר איהם צו אָרדער.

דער רעוו. ברודמאַן פּרובירט אָן דעם רעקעל, געהט פון איין שפּיגעל צום צווייטען און ער קוועלט אָן פון זיך. . .

ער באַטאַפּט די וואָרע פון אַלע זייטען און גוט אַ זאָג:

„נו, גאָט זאָל איהנען בענשען, וואָס רעכענען זי פאַר דיזען געוואַנ־טעל? נאָר, איך ביטע איהנען, מאַכען זי דאָס ביליגסטע וואָס גיבטס נאָר. . . ווייל צופיל געלד, קאָן איך פאַן באַנק ניכט ארויסציהען".

מר. בערנצווייג גיט איהם אַ פּרייז, וואָס איז באמת ביליג — 22 דאָלאַר מיט 50 סענט, מיט צוויי פּאָר הויזען.

„נו, גאָט זאָל איהנען בענשען, דאָס איז דאָך צו טהייער, איין אָן אַנדערען געשעפט האָט מען מיר געוואָלט רעכענען פיל ווענינער".

„נו — רופט זיך אָפּ מר. בערנצווייג, געהט זשע אהין וואו איהר קריגט ביליגער".

„נו," טענה'עט ער ווייטער, „איך וויל איהנען געבען אַ שאָו, ווייל, זי זיינען אַ אידישער מענש, וויסען זי — —

„איבריגענס," גיט רעוו. ברודמאַן אַ מאַך, „עס איזט נאָך גאַנצע צוויי וואָכען ביז צו די פייערטאָגע, האָב איך נאָך צייט, גוד באַי" . . . און ער געהט אַוועק.

מיט אַ טאָג שפּעטער, אהא, ער איז ווידער דאָ — און ווידער די־זעלבע מעשה — ער שפּיגעלט זיך אריבער צוויי שטונדען, נעמט ווידער האַנדלען, אָבער עס געהט נישט. דערווייל ווערט מיט יעדען טאָג שווע־רער צו קריגען וואָרע און די פּרייזען הויבען זיך פון טאָג צו טאָג.

דער רעוו. ברודמאַן לויפט פון סטאָר צו סטאָר, איבעראַל האָט ער אויסגעקליבען אַ „געוואַנטעל" און — אויף יעדען פּלאַץ וויל ער דוקא קויפען אַ מציאה, נאָר עס געהט נישט.

דערווייל גערהט ער נישט ארויס קאָלעקטען אויך, ווייל — ער איז דאָך פאַרנומען מיט לויפען פון איין סטאָר צום צווייטען.

הכלל, דער פאַרשוין איז שוין 9 מאָל געוועזען ביי די קעפּיטאָל קלאָדהיננ און זעקס מאָל ביי די מעי קאָמפּאַני, און אין פילע אנדערע סטאָרס, און יעדעס מאָל ווען ער קומט צוריק, ווערט דער פּרייז געהע־כערט — און ער פאַרלירט טעג מיט פּרנסה און קיין „געוואנטעל" האָט ער נאָך אלץ נישט.

דער סוף פון דער געשיכטע איז, אז ער האָט באשלאָסען צו ווארטען ביז נאָך דער מלחמה . . . און דערווייל — האָט איהם די געשיכטע גע־קאָסט אריבער הונדערט דאָלאר אין ווידזשעס — און קיין „געוואנטעל" האָט ער נישט.

ער איז אַ „גוד דזשו"

עס קומט אריין אַ הויכער שעהנער יונגערמאַן מיט אַ פּאָרטפּעל אין האַנט, קענטיג אַז ער פּארקויפט עפּעס. דערווייל כאַפּט ער אַ שמועס מיט די אָנגעשטעלטע און עס ענטוויקעלט זיך אַ דיסקוסיע וועגען אידיש־קייט, און ער האַלט „כמעט" ווי אַ לעקציע, אין וועלכער ער באַשטעהט דאַרויף, אַז מען קען זיין אַ „גוד דזשו" — אַ גוטער איד — אַפילו, אַז מען פּאַראינטערעסירט זיך נישט מיט קיין אידישע זאכען, און מען מוז נישט דוקא אנטייל נעמען אין אידישע ענינים.

„אָט בין איך אַ גוד דזשו, כאָטש איך האָב אפילו מיין אידישען נאָמען געביטען און זעה אוים אויפ'ן פּנים ווי אַ געבוירענער איירישמאַן, איך קום אָבער ארוים — זאָגט ער — פון אמת'ע אידישע עלטערען. מיין טאַטע איז געוועזען אַן אמת'ער פרומער איד. און איך געדענק נאָך ביז היינט, כאָטש איך בין נאָך דאַן געוועזען אַ קינד, ווי מיין טאַטע — שעל רעסט אין פּים — האָט געגעסען מצות יעדען יום כפור, און האָט געדרייט אַ רוסטער (אַ האָן) ארום קאָפּ יעדען פורים . . ."

נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ גוטער איד . . . ?

און ער האָט די דאָזיגע ווערטער געזאָגט מיט אַזאַ ערנסטקייט און דרך ארץ, אַז די אויגען האָבען אַזש געפינקעלט ביי איהם פון נחת!

די גרעסטע מצוה ביי אונז אידען איז צדקה.
ווייל צדקה איז מציל ממות.

עס זיינען אָבער פאַראַנען אַזעלכע, וועלכע זאָגען פאַרקעהרט — „מות מציל מצדקה" — זיי וועלען בעסער שטאַרבען איידער געבען צדקה. . . .

עס איז דאָס זעלבע

אין די קעפּיטאַל קלאָדהינג, צווישען די קונים, קענט איהר באַגעגנען פאַרשידענע מענשען פון אַלערליי קלאַסען און מדינות:

רבנים, חזנים, שמשים, געשעפטסלייט, ארבייטער, אונגארישע נוים, סלאָוואקען, איטאַליענער, א. א. וו.

על פּי שכל וואָלט דער סטאָר זיך באדארפט רופען „אינטערנאַציאָנאַלער קליידער געשעפט“.

עס קומט אריין אַ שמש פון אַ שוהל. ער קלייבט זיך אויס אַ סוט מיט אַ „טאַפּ קאָוט“ — אַ זומער מאַנטעל.

ער האַנדעלט אָפּ די פּרייז. דאַן געהט ער אריין צום שניידער, ווייל מען דאַרף מאַכען געוויסע פאַרריכטונגען אויף די הויזען. גיט ער אַ זאָג צום שניידער:

„איהר קענט דאָס מיך שוין פון לאַנג, שוין זיים יאָהרען, אַז איך קויף דאָ ביי אייך קליידער — איז, אַלע יאָהרען האָב איך ליב געהאַט, אַז די הויזען זאָלען זיין אונטער ברייט און אויבען שמאָל. אָבער היינט האָט זיך מיין געשמאַק געביטען. און איך גלייך פאַרקעהרט — פון אויבען שמאָל און אונטען ברייט . . .“

דער שניידער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דער איד מאַכט מיט איהם אַ שפּאַס . . .

דער שמש געהט ארויס, און דער שניידער בלייבט זיצען אַ צוטומולטער און ווייסט נישט וואָס צו טאָן, און ער חזר'ט איבער צו זיך אַליין דעם שמש'ס ווערטער עטליכע מאָל . . . ביז ענדליך כאַפּט ער זיך, אַז דער שמש האָט געמאַכט אַ שפּאַס אָדער ער איז אַ צעדרייטער.

גיט ער אַ שריי אויס, מיט אַ בייזען טאָן, האַלב אין ענגליש און האַלב אין אידיש:

„דעם איט — איטס דהי סעים טהינג . . . “

„אונטען ברייט און אויבען שמאָל, איז דיזעלבע זאַך ווי אויבען שמאָל און אונטען ברייט — הי אָנלי סעיד איט אָפּ־סייד דאַון“ (ער האָט עס בלויז געזאָגט פאַרקעהרט).

עס איז אויסגעקומען ווי יענע בעלמער מעשה:

צוויי בעלמער אידען שטעהען און ריידען. זאָגט איינער:

„אַ יאָ די וועלט זאָגט, אַז ברויט מיט פּוטער פאַלט אַרונטער, מוז עס אַלעמאָל פאַלען מיט דער פּוטער אַראָפּ — האָט גראַדע ביי מיר פּאַסירט, עס איז ביי מיר אַרונטערגעפאַלען אַ שטיק ברויט מיט פּוטער און עס איז גראַדע געפאַלען מיט דער פּוטער אַרויף . . . “

„דאָס קאָן נישט זיין“, רופט זיך אָפּ דער צווייטער — „סיידען דו האָסט פאַרקעהרט אָנגעשמירט . . . “

און דער שניידער האָט זיך אַליין צעלאַכט, און צו זיך געמורמעלט: „וואָס אַ אידען קאָן איינפאַלען . . . “

ער קען זיך נישט איינבויגען

אין א שעהנעם פריהמאָרגען, א טאָג נאָך יום טוב, קומט אריין א איד, מיט א קוויטשיג שטימעלע, און האָט טענות:

„איהר ווייסט, מיין שוואָגער, וועלכער האָט ביי אייך געקויפט א סוט ערב יום טוב, האָט גאַנץ יום טוב זיך נישט געקענט איינבויגען"

פרעגט איהם איינער פון די סיילסלייטע:

„וואָס הייסט ער האָט זיך נישט געקאָנט איינבויגען? וואָס, ער האָט א ביין אין בויך?"

„נאָו!" קוויטשעט ער ווייטער — „די הויזען זיינען שמאָל אויף איהם . . ."

„נו," גיט א מאַך איינער — „אייער שוואָגער האָט קיין שכל — קודם בייגט מען זיך איין און דאַן טהוט מען אָן די הויזען . . ."

„אי, זייט איהר א חכם", מאַכט דער קוויטשיגער איד — „לויט אייער עצה, וועט ער זיך דאָך נישט קאָנען אויסגלייכען . . ."

ענפערט איהם דער עצה-געבער:

„עס איז פיל בעסער, אז מען קאָן זיך נישט אויסגלייכען — איידער אז מען קאָן זיך נישט איינבויגען . . ."

קליינע עפּיזאָדען אין מיין לעבען

וואָס איז דער חילוק, אַ גוי אָדער אַ איד?

אין אַ געוויסען טאָג קומט צו מיר אריין אַ נוירס און בעט א נדבה פאַר'ן רעד קראָס.

די נוירס, אַ יונגע פרוי מיט אַן אַנציהענדען שמייכעל און סימפּאַטישען פּנים, האָט געמאַכט אַ גוטען איינדרוק אויף אַלע אַנוועזענדע, און יעדער איינער האָט גלייך אריינגעשטעקט די האַנד אין קעשענע און איהר דערלאַנגט אַ דאָניישאַן, איינער מעהר, איינער ווענינער. דאַן האָב איך זיך צורעדט מיט איהר און אינ'ם ריידען, האָב איך איהר ערקלעהרט, אַז מיר זיינען אַלע אידען — און זי האָט מיר מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

„וואָס איז אייגנטליך דער אונטערשיד וועלכען גאָט אַ מענש דינט? אַז אַ באָמבע דאַרף טרעפען, אָדער אַזוי אַ קראַנקהייט, טרעפט עס יעדען גלייך, איד אָדער קריסט, שוואַרץ אָדער וויס. און אַז מען ברייננט אין האָספּיטאַל אַ קראַנקען אָדער אַ פאַרוואונדעטען, שטעלט מען זיך דען אַפּ פרעגען שאלות, ווער ער איז? מען העלפט אַלעמען גלייך“.

דער ענטפער איהרער איז געווען אַזוי שעהן, עס האָט געקלונגען אַזוי נאַאיוו הארציג, אַז איך האָב געטראַכט ביי זיך, ווען אַלע מענשען אין דער וועלט זאָלען אַזוי דיינקען ווי די נוירס, וואָלטען מיר געהאַט אַן אמת'ע שעהנע וועלט. אַט די פּראָסטע, האַרציגע ווערטער טראָגען אין זיך מעהר פילאָזאָפיע ווי די גרעסטע פילאָזאָפישע טעאָריעס און ביכער.

וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט מוזיק?

אין אַ שעהנעם טאָג, זיץ איך אַזוי אין רעסטאָראַנט און עס מיין מיטאָג מאָלצייט. ביים זעלבען טיש זיינען געזעסען צוויי חזנים און געוועזען פארטיפט אין אַ געשפּרעך וועגען אַ קאָנצערט, וואָס זיי געהען האַבען אין דער טעטיעוער שוהל. ביסלעכווייז בין איך אַריינגעצויגען געוואָרען אינ'ם געשפּרעך, און עס איז מיר געפעלען געוואָרען, וואָס חזנים גיבען זיך אָפּ מיט אַזא באַגייסטערונג וועגען זייער פּראָפעסיע. איך האָב אַלע מיינע יאָהרען ליב געהאַט צו הערען אַ גוטען חזן. אין דער חזנ'ישע נגינה האָב איך עפּעס געפיהלט דעם צער פון אידישען וועהטאָג און אידישע צרות. און איך האָב די חזנים אַריינגעגעבען מוט צו זייער אונטערנעמונג און זיי געוואונשען סוקסעס.

אויפ'ן צווייטען טאָג, אַז איך האָב זיך מיט די חזנים באַגעגענט, האָבען זיי מיך מיט העפליכקייט איינגעלאַדען צו זיין דער טשערמאַן פונ'ם אָוונט ביי זייער קאָנצערט, און כאָטש די איינלאַדונג איז געקומען אומדערוואַרטעט און אומגעריכט, האָב איך אָבער נישט געקאָנט ענטזאָגען די ביטע פון די דאָזיגע חזנים. און איך האָב געטראַכט ביי זיך, וואָס קאָן דאָס שאַדען, אַז איך וועל עס אָננעמען?

איך האָב עס אָנגענומען און געטראַכט זיי מיטצוהעלפען וויפיל איך וועל נאָר קענען אויף צו מאַכען דעם אָוונט פאַר אַן ערפאָלג.

די שוהל איז געוועזען געפּאַקט, און די חזנים: יצחק שעהן, ר' נפתלי יאַלעס, צדוק'ל און אוירוויגג שיינים האָבען פיין אַמוזירט דעם עולם מיט זייער שעהנעם זינגען. אָבער אין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט דער אומצופרידענער געדאַנק — פאַרוואָס זאָל ביי אונז אידען אַזוי זיין, אַז אַזעלכע באַגאַבטע חזנים און זינגערס זאָלען זיך דאַרפען מוטשען אויף אַ לעבען מאַכען און נישט שטעהן אויף גוטע שטעלעס? אויב אַ חזן

איז נויטיג אין א שוהל, ווארום זאָלען אזויפיל שעהנע שוהלען שטעהן אָהן חזנים? נאָך אַלעמען, איז דאָך מוזיק די נשמה פון אונזערע תפלות, ווי מיר געפינען דאָס באַטאָנט אין פילע פלעצער: „יהללוהו בנבל, בכנור, בתוף ומחול״. שירה איז דאָך אַ זייל פון אונזער שוהל, און דאָך, דרעהען זיך ארום די וואָס באזיצען דעם געטליכען כוח פון שירה וזמרה אָהן שטעלעס.

איך האָב אָבער דעם אָוועגט געטאָן מיין בעסטעס דורכצופיהרען דעם פּראָגראַם אויף אַ שעהנעם, בכבוד׳ן וועג, אַז אַלע זיינען ארויס צופרידען.

די גליקליכסטע מענשען זיינען די, וועלכע יאָגען זיך נישט נאָך קיין גליקען.

פילע גרויסע געדאנקען זיינען פארלוירען געגאנגען פאר דער וועלט, בלויז דערפאר ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי פארצייכענען.

מיר ווייסען אַזויפיל וואָס עס טהוט זיך ביי די טויטע, ווי די טויטע ווייסען וואָס עס טהוט זיך ביי אונז.

בלויז דער יעניגער, וואָס איז געגאנגען אין צעריסענע שיך, קאָן פיהלען דעם ריכטיגען טעם פון נייע שיך.

החיים והמות ביד הלשון —
דער גאַנצער לעבען פונ׳ם מענשען
איז אין צונג . . . ווייל זי קאָן
שעלטען און בענשען.

אַ געשעפט אָהן נשמה —
איז ווי אַ מענש אָהן אמונה.

לחיים ולשלום — איז זעהר נישט ריכטיג געזאָגט. ווייל —
דאָרט וואו עס איז דאָ חיים איז נישטאָ קיין שלום. און דאָרט וואו עס איז דאָ שלום, איז נישטאָ קיין חיים . . .



אונזער פּרעזידענט
פרענקלין דעלאַנאָר רוזעוועלט

אַ פּאָר ווערטער וועגען אונזער גרויסען פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט

איך קאָן נישט פאַרפעהלען אין דעם מאָמענט, ווען איך שרייב מיין ביאָגראַפיע, צו זאָגען עטליכע ווערטער וועגען אונזער גרויסען פּרעזידענט רוזוועלט.

נישט קיין אָפּשאַצונג, נישט קיין באַשרייבונג וועגען זיין גרויס־קייט, וויל איך דאָ געבען, ווייל דאָס האָבען געטאָן גרעסערע מענשען פאַר מיר. און היינט ווייסט שוין די גאַנצע וועלט, וואָס פאַר אַ פּרעזי־דענט מיר האָבען, וועלכער ווערט איינענטליך באַטראַכט אַלס דער גואל פון דער מענשהייט.

איך וויל בלויז אַלס איד און אַלס סאָלדאַט פון דער אַמעריקאַנער אַרמעע, אויסדריקען מיינע פּערזענליכע געפיהלען און באַוואונדערונג צו דיזען גרויסען, און מען קען זאָגען, גרעסטען פרייהייטס קעמפער און עהרליכסטען דיפּלאָמאַט פון דער היינטיגער צייט.

פרענקליך דעלאַנאָ רוזוועלט איז דער איינציגער לייכטענדער שטערען פון אונזער פאַרוואָלקענטען און פאַרטרויערטען האָריזאָנט. צו איהם זיינען געווענדעט די צום טויט־דערשראָקענע און פאַרצווייפעלטע מיליאָנען אויגען, וועלכע ערוואַרטען, אַז זיינע ברענענדע לייכטענדע שטראַהלען וועלען צווינגען די זון ווידער צו שיינען אויף אונז, און ברייננען די גאולה צו דער גאַנצער מענשהייט אין אַלע ווינקלען פון אונזער וועלט.

יעדער מענש אין וועמענס הארצען עס קלאַפּט אַן אָדער פאַר פריי־הייט, דאַרף בעטען פאַר'ן געזונט און לאַנג לעבען פון דעם מאָדערנעם נביא און חכם — פרענקלין ד. רוזוועלט.

איבערהויפט מיר אידען, דארפען זיכער דאנקען גאָט, וואָס ער האָט אונז געגעבען אזא פריינט און באשיצער ווי אונזער פרעזידענט. ווייל אָהן איהם וואָלט אונזער לאַגע געוועזען האָפנונגסלאָז. ער איז אונזער איינ־ציגער טרייסט און אמת'ער פריינד.

די גאנצע מענשהייט האָט צוטרויען צו איהם, אז ער וועט דערפיהרען די וועלט צו אן ענטגילטיגען זיג. און ליכט מוז פארטרייבען פינס־טערניש — דאָס איז א נאטור געזעץ.

אַ מענעדזשער וועלכער האָט מיך שיער אַרויסגעמענעדזשט פון ביזנעס

דעם עפּיזאָד וואָלט איך אייגענטליך נישט באַשריבען ווען נישט די אינטערעסאַנטע זייט דערפון.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָב איך צוגענומען אַ מענעדזשער פאַר מיין סטאָר, אַ יונגענמאַן, וועלכער איז באמת געווען אַ קינסטלער אין זיין פאַך אַלס סיילסמאַן. ער איז געווען אַלעמאָל נעט געקליידעט, מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים, און גוטער רעדנער. ער איז שנעל געוואָרען פּאָפּולער אין סטאָר, און אַלע, אַריינגערעכענט די קאָסטימערס און מיך אַליין, האָבען איהם ליב באַקומען. געצאָהלט האָב איך איהם 60 דאָלער אַ וואָך, און ער איז באמת געווען געוועזען פיל מעהר, ער האָט פון אָנפאַנג כמעט פאַרדאָפּעלט די איינגאַהמע פונ'ם געשעפט.

נאָר, אַז איך האָב איהם געוואָלט געבען אַן הוספה אויף זיינע שכירות, האָט ער זיך אָנטזאָגט עס אָנצונעמען.

איך האָב אָבער באַמערקט עטליכע זאַכען, וועלכע זיינען מיר נישט געפעלען געוואָרען.

ערשטענס, וואָס ער האָט געלעבט אויף זעהר אַ ברייטען אופן . . . געצאָהלט צוויי דאָלאר פאַר אַ מאָהלצייט, געראויכערט די בעסטע סיגאַרען, זיין פרוי פלעגט טראָגען די טייערסטע קליידער און פאָהרען אין קאָנטרי יעדען זומער אין די בעסטע האָטעלען.

און פאַר 60 דאָלאר אַ וואָך איז דאָס אוממעגליך געווען צו באַ־וויזען.

אויך האָט פּאַסירט, אַז עס פלעגען פּאַרקומען זעהר אָפטע גנבות אין סטאָר און ווען איך פלעג איהם אויפמערקזאם מאכען וועגען דעם, האָט ער מיר אַלעמאָל געהאָלפען זוכען די גנבים, נאָר געכאַפּט האָט מען זיי קיינמאָל נישט . . .

אזוי איז אוועק עטליכע יאָהר, ביז איך האָב אויף אַן אמת דערפיהלט אַז עס מוז עפּעס געטאָן ווערען.

האָב איך איינמאָל באַשלאָסען, אַז איך מוז איהם כאַפּען ביים האַנט. האָב איך אָנגעשטעלט מיין אָנקעל׳ס אַ פּאַרטנער, וועלכען ער האָט נישט געקענט און איהם אונטערגעשיקט צו קומען אין אַ געוויסער צייט, ווען איך וועל נישט זיין אין סטאָר, קויפען אַ פּאָר הויזען. אויך איז אָפּגע־מאַכט געוואָרען, אַז מיין אָנקעל׳ס פּאַרטנער זאָל מאכען דעם איינדרוק, אַז ער איז פון אַן אַנדערער שטאָדט.

איין אין דערפריה איז דער מאַן געקומען אין סטאָר און געקויפט אַ פּאָר הויזען ביי מיין מענעדזשער פאר פינף דאָלאַר.

אַז איך בין אריינגעקומען אין סטאָר האָט מיין מענעדזשער קיין איין וואָרט נישט געזאָגט וועגען דעם.

נאָכמיטאָג, קומט צוריק מיין אָנקעל׳ס פּאַרטנער און טענה׳עט, אַז זיין ווייב גלייכט נישט די הויזען וואָס ער האָט געקויפט און וויל צוריק די געלט.

איך געה צו צום מאַן און נעם איהם אויספרעגען, בייזערט ער זיך, אַז ער קאָן מיך נישט און ער האָט ביי מיר נישט געקויפט נאָר ביי יענעם, צייגענדיג אויפ׳ן מענעדזשער.

דער מענעדזשער האָט פון אָנפאַנג געלייקענט, איך האָב איהם אָבער אַזוי צוגעדריקט צום וואַנט, אַז ער האָט שוין קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי זיך מודה זיין.

און שפּעטער האָב איך אויך אויסגעפונען, אז אין די אַלע גנבות איז ער געוועזן באַטייליגט. און עס איז געוועזן מיין מזל וואָס איך האָב אויסגעפונען די געשיכטע איידער עס איז געווען צו שפּעט.

ווען זיין ווייב האָט זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע, איז זי גע־קומען און מיט טרעהרען אין איהרע אויגען זיך געבעטען, אז איך זאָל איהר מאַן נישט פאַרפאָלגען געזעצליך און אויב מעגליך איהם געבען נאָך אַ געלעגענהייט.

איך האָב איהם די געלעגענהייט געגעבען, פּשוט דערפאַר, ווייל דאָס הארץ האָט מיר נישט דערלאָזט דאָס אַ מענש מיט אַזעלכע אויסער־געוועהנליכע פעהיגקייטען זאָל פאַרלוירען געהן.

דאָס האָט אָבער אויך נישט געהאָלפען, ווייל איך האָב איהם מיט אַ צייט שפּעטער ווידער אַמאָל געכאַפּט ביים האנט. און דאָס מאָל האָב איך איהם געמייזט אוועקשיקען פון מיין סטאָר. און נאָך ביז היינטיגען טאָג טהוט מיר לייד פאַר דעם מענשען, וועלכער האָט געקענט וואַקסען גרויס אין דעם פאַך, און האָט זיך אַליין רואינירט, און מיך שיעור גע־מאַכט פאַר אוים ביזנעסמאַן.

מיינע פריינד און מיינע „שונאים"...

יעדער מענש האט פריינד און פיינד — א פיינד איז לייכטער אויסצוגעפינען ווי א פריינד — ווייל א פארשטעלטע־ פריינד קאן אמאל זיין גרעסטער שונא און דער געפעהרליכסטער — ווי עס האט אמאל געזאגט דער גרויסער אידיש־דייטשער דיכטער, היינריך היינע:

„גאָט, באשיץ מיך פון די פריינד, פון די פיינד וועל איך זיך אליין באשיצען"

עס ווערט געבראכט אין דער הגדה: „צא ולמד מה ביקש לבן הארמי".

געה, פארשטעה, וואָס יענער איז, ער קומט צו אייך מיט א שמייכעל, זאגט אייך א פיינעם „העלאָו" און אין האנט האלט ער א שפּיז — באהאלטען, גרייט אייך דורס צו זיין.

צום באדויערען, דרעהען זיך ארום צווישען אונז א סך אזעלכע „לבן'ס", כאָטש איך ווייס נישט פון קיין געניגענדע אורזאכען פארוואס יענער זאל מיר זיין א שונא.

עס איז פאראנען אן ערצעהלונג פון וואלטער — דער גרויסער פראנצויזישער סאטיריקער, „מעמנאָן דער פילאָזאָף". אין דער דערצעהלונג שטעלט ער פאר א בילד ווי „מעמנאָן", א פילאָזאָף, שטעהט ביים פענסטער און טראכט: „פארוואָס זאל א מענש נישט קאָנען אויסלעבען זיינע יאָהרען שטיל און רוהיג? — עס איז גאנץ פשוט — איך פארקעהר מיט קיין מענשען, איך האנדעל מיט קיינעם נישט, וועל איך דאָך מיט קיינעם זיך נישט דארפען קריגען... איך האָב געלט, וועל איך עס אוועקלייגען אין באנק און פון די פראָצענטען קאָן איך זיך אויסלעבען מיינע יאָהרען שטיל און רוהיג... מייסטענס צרות וואָס א מענש האָט, האָט ער דאָך פון זיינע מיטמענשען — מיט זיך אליין קאָן דאָך יעדער איינער אויסקומען!"

אזוי האָט דער פילאָזאָף געטראַכט ביי זיך, און אזוי טראַכטענדיג, דערזעהט ער פלוצים, ווי אַ מאַן, אין אַ שיכור'ן צושטאַנד, לויפט נאָך אַ פרוי. די פרוי, אַ שוואכע, אַ דאַרע, שרייט געוואַלט מען זאָל זי ראַ־טעווען. שטעהט דער פילאָזאָף, און זיין הערצאַיש בלוט ווערט אין איהם אויפגעקאָכט. ער קאָן זיך נישט איינהאַלטען. זיין האַרץ דער־לאָזט נישט, אז אַ שוואכע פרוי זאָל קריגען געשלאָגען פון אזא „ווילדע חיה". לויפט ער אַרונטער אין גאַס און מישט זיך אריין צווישען דעם פּאָרל — ווערט אַ געשלעג און מען אַרעסטירט זייביידען. און אזוי ווערט ער בּיסלעכווייס אריינגעשלעפּט פון איין צרה אין אַ צווייטער, ביז ער ווערט אַ פאַרברעכער . . .

אזוי איז אייגענטליך דער גאַנצער לעבען פונ'ם מענשען — אזוי לאַנג איהר מוזט אין אייער טאָג טעגליכען לעבען, סיי אין געשעפט, סיי געזעלשאַפטליך, קומען אין באַריהרונג מיט פאַרשידענע מענשען — מוזט איהר זיין גרייט צו קריגען שונאים פאַר אומזיסט און אומנישט. כאָטש איהר האָט זיך מיט קיין זאַך נישט פאַרזינדיגט געגען זיי.

עס ווערט אָנגערופען „שנאת חנם" — און אָט דאָס קאָן פיליכט זיין די פּסיכאָלאָגישע אורזאַך ווי אזוי מען קאָן ברייגנען גאַנצע פעלקער צו דעם צושטאַנד, זיי זאָלען זיך קוילען איינער דעם צווייטען. ווייל אין די הערצער פון די מענשען ליגען באַהאַלטען די קערענדלאַך פון „האַס" !

איך האָב אַ סך פריינד, איך ווייס אָבער, אז איך האָב אַ סך שונאים אויך . . . און עס קאָן גאָר מעגליך זיין, דאָס אומוויסענדיג און אינדי־רעקט האָב איך מעהר נוצען פון די שונאים ווי פון די פריינד, און זיי האַלטען מיך אויף ביים לעבען. . .

ווי עס ווערט דערצעהלט:

אַ געוויסער חסידישער רבי איז געקומען צו גאַסט צו אַ צווייטען חסידישען רבי'ן און ער זאָגט צו איהם:

„וואָס טהוט מען? איך האָב אזויפיל שונאים, אַ שרעק".

רופט זיך אָפּ דער אַנדערער חסידישער רבי:

„וואויל איז דיר וואָס דו האָסט שונאים, הלואי וואָלט איך געהאַט שונאים... די צרה מיט מיר איז, וואָס קיינער קימערט זיך נישט וועגן מיר און מען ווייסט פון מיר נישט...“

אונטערדעסען — ווינש איך מיינע שונאים אויך נישט קיין שלעכטס — אַבי זיי זאָלען מיר נישט טהון שלעכטס. אַמאָל קען זיין, אז די שונאים פון היינט זאָלען מאָרגען ווערען פריינד... און די פריינד פון היינט זאָלען מאָרגען ווערען שונאים... אַזוי איז די וועלט און גערה טהו עפּעס...

מיין באַקאַנטשאַפט מיט מעקס האָפמאַן

צווישען די פילע מענשען וועלכע איך האָב אויף מיין לעבען באַ־געגענט קען איך נישט אויסלאָזען דעם נאָמען מעקס האָפמאַן.

אויסלאָזען קאָן איך דעם נאָמען נישט צוליב פאַרשידענע אורזאַכען. ערשטענס, ווייל דער יונגערמאַן האָט שטילערהייט, אָהן פּויקען און אָהן ליאַרם אויפגעטאָן וואונדערבאַרע זאַכען, וועלכע זיינען אין אונזער אידישען לעבען זעהר וויכטיג. ווייל, וואָס קאָן נאָך זיין וויכטיגער ביי אונז אידען, ווי זיין אַ לעהרער און פאַרשפּרייטען און איינפּלאַנצען תורה אין די מוחות און הערצער פון יונגע קינדער?

און דאָס איז, וואָס דיזער מעקס האָפמאַן טהוט, ווייל ער איז אַ העברעאישער לעהרער און דערצו איינער פון די זעלטענסטע און איבער־געבענסטע צו דיזער פּראָפעסיע.

הוץ דעם איז ער גלאַט אַן אינטעליגענטער און אינטערעסאַנטער יונ־געמאַן.

מעקס האָפמאַן איז געוועזען אַ תלמיד אין דער ישיבה פון רבי לעווענבערג און טאַקע דאָרטען האָב איך זיך מיט איהם באַקענט. אין דער ישיבה איז ער געווען פאַררעכענט אַלס איינער פון די בעסטע תלמידים.

איך וויל נישט אַריינגעהן אין איינצעלהייטען און אויסרעכענען אַלע מעלות פון מעקס האָפמאַן און מיינע ערפאַהרונגען מיט איהם, ווייל דאָס וואָלט זיך געפאָדערט פיל פּלאַץ און צייט. איך וויל אָבער פאַר־צייכענען איין אויפטו זיינעם, וועלכער וועט געבען אַ שטיקעל באַגריף פון זיין איבערגעבענהייט צו אידישע ערציהונג.

צווישען די פילע תלמידים, וועלכע ער לערנט אין אָרטאָדאָקסישען אידישען צענטער אין די הייטס, געפינט זיך, אָדער בעסער געזאָגט, האָט זיך געפונען, א קליוולאַנדער אידישער אינגעל פון א יאָהר 14, חיים'ל סייגער — דער זוהן פון א באַקאַנטען היגען געשעפטסמאַן.

חיים'ל פארמאָגט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און א זעלטענע ליבשאַפט צו תורה. מעקס האָפמאַן האָט אין דעם אינגעל געזעהען מעהר ווי אין אַלע זיינע תלמידים און מיט זעלטענער איבערגעבענקייט גע־לערענט מיט דעם אינגעל.

חיים'ל איז איצט צו 14 יאָהר, א דאַנק זיינע גרויסע פעהיגקייטען און פלייסיגען לערנען ביי מר. האָפמאַן, א תלמיד אין דער היגער טעלזער ישיבה.

זיין דורשט פאר תורה און זיין לעהרער'ס באַגעהר איהם צו זעהן גרויס, האָט נישט צופרידען געשטעלט ביידען בלויז מיט'ן לערנען אין דער ישיבה, כאָטש עס ווערט אין דיזער ישיבה פילייכט מעהר געלערנט ווי אין די דורכשניטליכע אַנדערע ישיבות. און חיים'ל האָט אין א משך פון עטליכע מאָנאַטען דורכגעלערנט גאַנץ מסכת קדושין, ביי זיין לעהרער, און איצט פאַנגט ער אָן לערנען אַן אַנדערע מסכתא.

אפילו אין די אַלטע אייראָפּעאישע ישיבות, וואו מען פלעגט לערנען א סך, איז אַזא אינגעל אויך געווען באַטראַכט אַלס אַן עילוי. ווייל, ווייל אַזעלכע חיים'לאַך האָבען זיך נישט געוואַלגערט אין די גאַסען. פון אָט די סאָרט חיים'לאַך זיינען אַרויסגעקומען א חיים'ל סאַנזער, און נאָך אַנדערע גאונים.

ספּעציעל אין אַמעריקא, ביי דער היינטיגער צייט, ווען דאָס הפקרות אין אידישען רעליגיעזען לעבען האָט אָנגעשלאָגען טיפע וואָרצלען, איז אַזא לעהרער ווי מעקס האָפמאַן, און אַזא תלמיד ווי חיים'ל סייגער, זיכער א גרויסער געווינס פאר אונז אידען בכלל און פאר קליוולאַנדער אידען בפרט.

חוץ זיין גוטען לערנען איז חיים׳ל א זעלטען פרום אינגעל, וועלכער איז מדקדק כחוט השערה אויף יעדער זאך וואָס האָט צו טאָן מיט דינים פון אונזער תורה.

און ווי אונזערע חכמים זאָגען: „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים כל העולם כולו“. און דאָס האָט דער מעקס האָפמאַן אויפגעטאָן, חוץ וואָס אַלע זיינע תלמידים זיינען וואוילע קינדער, און ער פּלאַנצט איין אין זיי אידישען וויסען מיט דער גרעסטער איבערגע־בענהייט.

עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט פאַראַנען, אז מיט דער צייט וועט די אידישע וועלט קלינגען מיט חיים׳לס נאָמען, ווייל ער באַזיצט צו דעם נאָך פילע אַנדערע מעלות.

און איך קאָן זאָגען אויף ביידען, אויפ׳ן רבי׳ן און תלמיד: „אשרי יולדתם“.

זי האָט זיך פאַרדעכענט

איינמאָל קומט אריין אַ פּאָר פאָלק, דער מאַן הייסט זיך דערלאַנגען אַ סוט. ער טהוט אָן איין סוט און אַ צווייטען, ער געפינט אָבער נישט וואָס איהם זאָל קליידען. דער סיילסמאַן פיהרט איהם ארונטער אין בייסמענט, וואו עס זיינען געהאָנגען עטליכע הונדערט סוטס, אפשר וועט ער דאָרטען קענען געפינען וואָס ער זוכט.

אין עטליכע מינוט ארום געהט די פרוי אויך ארונטער, און פּלוצים דערהערט זיך אַ געשריי. וואָס איז געשעהן? די פרוי האָט זיך אויס־געגליטשט אויף די שטיגען און איז געפאַלען. אַז זי איז אויפגעשטאַנען, האָב איך ביי איהר געפרעגט, אויב זי האָט זיך שטארק צוקלאַפּט. „ניין, עס איז גאָר נישט," האָט די פרוי געענטפערט.

אין עטליכע טעג ארום באַקום איך אַ בריף פון אַ לאָיער, אַז די מרס. ש. האָט פאַלענדיג פון די שטיגען, זיך שטארק צוקלאַפּט און דערצו האָט זי „מפּיל" געווען, און זי מאָהנט נישט קיין סך פאַר דער טרחה, בלויז צעהן טויזענט דאָלאַר.

איך האָב זיך גאַנץ פיין דערשראָקען. איך רוף אָפּ איין אינשור־רענס אַגענט, ביי וועמען איך האָב אַלעמאָל געהאַט אינשורענס פאַר אַזעלכע עקסידענטס און ער ענטפערט מיר, אַז מיין אינשורענס איז אויסגעגאַנגען מיט עטליכע וואָכען פריהער.

האָב איך גלייך געלאָזען וויסען מיין לאָיער, ער זאָל זעהן צו טהון וואָס ער קאָן.

דערווייל איז אריינגעקומען מיינער אַ פריינד, וועלכער איז אויך אין די אינשורענס ביזנעס און ביי וועמען איך האָב געהאַט אַנדערע

סאָרטען אינשורענס, און ווען ער האָט דערהערט וועגען דער געשיכטע, רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

„נישט געזאָרגט, דיין סטאָר איז אינשורט.“

אז איך האָב דאָס דערהערט איז מיר געוואָרען ליכטיג אין די אויגען.

מיין פריינד האָט אינשורט מיין סטאָר געגען עקסידענט אָהן מיין וויסען.

איצט האָט שוין די אינשורענס קאָמפּאַני איבערגענומען דעם גאַנ־צען ענין און עס האָט זיך אַרויסגעצייגט ביים טרייעל, אז די פרוי האָט פאַרגעסען עטליכע קליינינקייטען.

ערשטענס, אז זי איז שוין 60 יאָהר אַלט, און פאַר אַזאַ פרוי איז „שוועך“ מפּיל צו זיין.

צווייטענס, אויב שוין יאָ גע׳מפּיל׳ט, וואו איז דאָס „עופּה׳לע“? האָט זי אויף דעם גע׳טענה׳עט, אַז זי האָט עס אַרונטערגעלאָזען מיט׳ן וואַסער . . .

און דריטענס, דאָס איז געווען דאָס ערגסטע, אז די פרוי האָט אַזעלכע קייסעס געהאַט אַביסעל צו אָפט, און זי האָט דערפון געמאַכט אַ לעבען. . . .

דער סוף איז געווען, אז דאָס גענעץ האָט מיט איהר געסעטעלט אויף אַ העלפט — אין פּריזאָן, און דאָרט וועט זי אויפהערען „מפּיל“ צו זיין.

איך באַצאָל אַ גוטען פּרייז פאַר מיינעם אַ סוט

עס קומט צו מיר אריין אַ מאַן און קלייבט זיך אויס אַ סוט. דער פּרייז פון דעם סוט איז געווען 22 דאָלאַר. איך האָב דעם מאַן קיינמאָל פריהער נישט געזעהן. ער האָט מיר אָבער אָנגעגעבען אַ נאָמען פון מיינעם אַ באַקאַנטען, וועלכער זאָל איהם האָבען צוגעשיקט צו מיר.

דער מאַן נעמט אַרויס אַ טשעק פון 60 דאָלאַר און בעט מיך איך זאָל איהם געבען דאָס רעשט און אַרונטערנעמען פאַר'ן סוט.

„וואו האָט איהר געקראָגען דעם טשעק?“ פרעג איך ביי איהם.

„דאָס איז אַ פּעי־ראָל טשעק,“ ענטפערט ער מיר.

איך האָב אָבער געהאַט עפּעס אַ שטיקעל פאַרדאַכט, אַז דער טשעק איז נישט אַזאַ זיכערער, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אַזוי ווי איך האָב נישט גענוג קעש, וועל איך איהם געבען מיינעם אַ טשעק אויף 38 דאָלאַר. איך האָב מיין טשעק אָנגעשריבען מיט'ן דעיט אויף צוויי טעג שפּע־טער. דער מאַן איז אַוועק, און עס איז געבליבען אַזוי, אַז ער וועט דעם סוט אַרויסנעמען מיט צוויי טעג שפּעטער.

דערווייל האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט אויסצוגעפינען, אויב דער טשעק וואָס ער האָט מיר געגעבען איז אַ גוטער . . . און ווי מיין הארץ האָט עס מיר פאָראויסגעזאָגט, איז זיין טשעק געווען נישט גוט.

איך האָב גלייך געסטאַפּט מיין טשעק צו איהם. די צרה איז אָבער געווען, אַז ער האָט מיין טשעק גלייך איינגעוועקסעלט און דער יעניגער, וואָס האָט איהם אויסגעוועקסעלט האָט מיך גענומען אין קאָרט.

און דער ריכטער האָט גע'פּסק'נט, אַז איך מוז גוט מאַכען מיין

טשעק, אזוי איז דאָס געזעץ — ווען איך מאַך אויס אַ טשעק, פאַרפליכט איך זיך פונקט אזוי ווי איך שרייב אונטער אַ נאָוט צו באַצאָהלען די געלט, און איך האָב קיין רעכט צו סטאָפּען דעם טשעק . . .

פון דעם מאַן איז קיין זכר נישט געבליבען. און מיין סוט האָט מיך געקאָסט 38 דאָלאַר.

מען קען נישט זאָגען . . . דאָס איז אַ גאַנץ פיינער פּראָפּיט. מען זאָל באַהיט ווערען פון אזעלכע קאָסטאָמערס!

מיין פלימעניק געהט דינען אָנקעל סעם

געשיכטע ווידערהאָלט זיך: מיט 25 יאָהר צוריק האָב איך אָנ־געטאָן א יוניפאָרם און בין געגאַנגען דינען אין דער אַרמעע פון אָנקעל סעם. דאַן איז אַמעריקא אריין אין קריג, צו העלפען באַקעמפען דעם קייזער. די דאַמאָלסדיגע מלחמה האָט, לויט דער מיינונג און האָפנונג פון מיליאָנען מענשען, געדארפט זיין א מלחמה אויף צו ענדיגען מלחמות.

די פאראייניגטע שטאטען זיינען דאַן אריין אין קריג, און די מעכ־טיגע דייטשלאַנד האָט אין א גאָר קורצער צייט דערפיהלט אַמעריקא׳ס מאַכט, און אין 1918 איז שוין דייטשלאַנד געשטאַנען אויף די קניה א באַזיגטע.

דער שיקזאַל פון דער וועלט האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. לויט ווי עס קוקט אויס, איז יענע וועלט־מלחמה בלויז געווען א פראָלאָג צו א צווייטער, נאָך גרעסערע און שרעקליכערע מלחמה.

ביי דעם איצטיגען קריג זיינען אונטערגעוואקסען נייע קרעפטען, נייע יוגענט, וועמענס אויפגאַבע איז איצט צו ענדיגען דאָס, וואָס מיר האָבען דאַן געלאָזען אין מיטען.

מיין פלימעניק, מילטאָן בערנצווייג, איז אויך איינער פון די מיל־יאָנען אַמעריקאַנער יונגעלייט, וועלכער איז איצט אין אָנקעל סעם׳ס נייווי.

מיר האָבען איהם באַגלייט צום סטיישאָן, ווען ער איז אוועק, קיין סימן פון טרויער, קיין סימן פון שרעק, פול מיט לעבען, מיט א שמייכעל אויף זיין פנים און מיט קאַמפּלוסט אין זיין הארצען צו געבען זיין



מילטאָן בערנצוויג, נעפיו

לעבען, ווען נויטיג, פאַר אונזער לאַנד, וואָס קעמפּט פאַר דער באַפרייי־
אונג פון די פאַרשקלאַפטע פעלקער אויף דער גאַנצער וועלט.

און איך בין שטאָלץ אויף מיין ברודער׳ס זוהן, און בין פול מיט האָפ־
נונג, דאָס ער וועט צוזאַמען מיט די אַנדערע קאָלעגען זיינע, זיך אומ־
קעהרען מיט א פולשטענדיגען זיג, איבער די שונאים פון דער מענש־
הייט.

א צווייטער פּלימעניק, זיין ברודער הערבערט, וועלכער האָט גע־
ענדיגט קאָלעדזש און וואָס איך האָב געהאָפט איז מקוים געוואָרען —
ווייל איך האָב פיל ביינגעטראָגען דערצו, אז ער זאָל קומען צו עפּעס א
תכלית, האָט ערשט געהייראַט, און זיין חתונה איז, טראָץ די שווערע
צייט, וואָס מיר געהען איצט דורך, געוועזען א פרעהליכע.

די פרייד מיינע איז געוועזען אין לשער. און אזוי געהט דאָס לעבען
כסדר — פון איין זייט פרייד, פון דער צווייטער זייט—הארצווייטאָג . . .

שלום וכט"ם לידידי הנכבד חזן יצחק שעהן נ"י:

מיט די פּאָר שורות וויל איך פּרובירען ברענגען צום אויסדרוק מיין אנערקענונג און פריידע איבער דער צייט צוגעפּאַסטער אונטערנעמונג צו דרוקען די ביאָגראַפיע פון מיין פּערזענליכען און הארציגען פריינד מר. פּאָול בערנצווייג.

איך גלויב, אז די דאָזיגע אונטערנעמונג וועט האָבען א פּארדינטען ערפאָלג, ווייל עס זיינען דאָך פאַראַנען טויזענטער פון געוויסענהאַפטע און תורה ליבענדע אידען, און דאָך האָבען זיי נישט ארויסגעוויזען אזוי פיל ברייטהארציגקייט און אינטערעס אין אלע תורה אנשטאַלטען בכלל אוןביי אונז אין שטאָדט קליוולאַנד בפרט ווי אונזער פריינד און כלל-טוער פּאָול בערנצווייג.

פּאָול בערנצווייג שטיצט מיט דער פולער האנט ישיבות, תלמוד תורות, שוהלען, ארץ ישראל, תלמידי חכמים, לומדים, און בכלל איז פּאָול בערנצווייג א מענש פון רעליגיעזען דענקען און פיהלען, און האָט אן אינ-טערעס אין אלע ענינים וועלכע העלפען באַרייכערען און באַגליקען דאָס אידישע לעבען.

איך האָף, אז דיזער בוך וועט זיין א מוסר השכל פאַר אנדערע ביזנעס לייט אלס א וועג-ווייזער פאַר א געזונטען אידישען לעבען.

איך ווינש אייך, פריינד חזן שעהן, פון גאַנצען הארצען, אן ערמו-טיגונג דורך א שטאַרקען אָבזאַץ און אן אמת פּאַרדינטען ערפאָלג, און דאַדורך האָבען דעם זכות פון אמת'ן חזוק התורה אין די ווייטסטע קרייזען.

מיט די פריינדליכסטע געפיהלען,

אייער גאָר איבערגעגעבענער

הרב דוד ארי' גענוטה,

רב בקינזמאן אידישען צענטער.

הרב דוד אַרי׳ גענוטה.

הרב הוגאָ קליין

צו מיין פריינד פּאָול בערנצווייג

איך וויל אויסדריקען מיין באגריסונג און אויפריכטיגע וואונשען צו דער געלעגענהייט פון אייער ביאָגראַפיע, וועלכע ווערט איצט געדרוקט.

איך שעץ אָפּ אין אייך אייער ברייטוויליגקייט און גרייטקייט צו יעדער צייט צו העלפען און מיטארבייטען אין אַלע אידישע קהל׳שע אַנ־געלעגענהייטען.

איך גלויב, דאָס איהר האָט וואָס צו זאָגען צו דער וועלט. אייערע לאַנגיעהריגע ערפאַהרונגען אויף דעם געזעלשאַפטליכען און געשעפט־ליכען געביט, האָבען אייך געגעבען געגוג אינטערעסאַנטע און באַלעה־רענדע פּאַסירונגען און עפּיזאָדען, וועלכע קאָנען דינען אַלס מוסר השכל צו פילע, און צו דערזעלבער צייט זיין אינטערעסאַנט צום לייענען.

מיט הארציגע וואונשען פאַר ווייטערדיגען ערפאָלג, אַז איהר זאָלט אין דער צוקונפט פאַר פילע יאָהרען נאָך קענען זיין טעטיג און העלפען פאַרשפּרייטען אידישע מדות און דאָס אידישע וואָרט.

אייער פריינד,

הרב הוגאָ קליין,

רב פון שארית יעקב עדדי ראָוד צענטער.
קליוולאַנד, אָהייאָ.

חזן יעקב לעפקאָוויטץ

אַ וואָרט צו דער ביאָגראַפיע פון פּאָול בערנצווייג

דער באַגריף „כבוד" איז אין זיין שורש דערזועלבער ווי דער באַגריף „כבד" (שווער). כבד (שוער) דערצעהלט דעם סוביעקט ווי שווער דער פיזישער אָביעקט איז, דאָס הייסט, ווי שווער עס איז זיין וואָג.

אויך דעם מענשענ'ס גייסט האָט אַ וואָג — די פראַגע איז בלויז, ווי שווער איז דער גייסט פון דעם און דעם פּערזאָן?

דער ענטפער איז, ער באַזיצט אָט די און די מדע, די און די מידות פון צדקה — פון הכנסת אורחים, פון גמילת חסדים, א. ז. וו. דאָס הייסט כבד, די וואָג פון אמת'ן מענש, פון זיין גייסט.

די ביאָגראַפיע פון פּאָול בערנצווייג, געשריבען פון דעם באַליבטען שריפטשטעלער חזן יצחק שעהן, מיינט „כבוד". אָבער ניט כבוד וואָס אַן אַנדערער גיט, נאָר „כבוד", שווערקייט פון גייסט, וועלכען פּאָול בערנ־צווייג האָט, דורך זיינע מידות טובות זיך ערוואָרבען.

הרב שלמה הכהן גליקסמאַן.

פאמיליע באַגריסונגען

סעם בערנצווייג און זיין פרוי בעסי

דזשאָו און ריקי בערנצווייג

באַרני בערנצווייג

מרים בערנצווייג

מילטאָן און לוסי בערנצווייג

הערבערט און קלארא בערנצווייג

איזראַעל קליין און ענא, שוויגערעלטערן

* * *

מיר באַגריסען אונזער אַלעמענס פריינד פּאָול בערנצווייג, און ווינשען איהם ער זאָל אין דער צוקונפט נישט מאכען ערגער ווי ביז איצט.

יעקב בערקאָוויטץ,

דזשוליוס בערקאָוויטץ,

סטענפאָרד בערקאָוויטץ,

חנה בערקאָוויטץ.

באַגריסונג פון די אָנגעשטעלטע פון די קעפּיטאָל קלאָדהינג קאָמפּאַני

סיי קליין

מאַרקס עטנגען

עדי קאָהן

פריינק סיגלין

בלענטש קלעם

לואים קאָהן

חיים פייגענבאַום.

* * *

אַ האַרציגע באַגריסונג

ב. בירנבוים און פאַמיליע

עסטרייכער ברידער און פאַמיליע

איך באַגריס פּאָול בערנצווייג אַלס וואַרימען איד, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען אַ פיינעם נאָמען און פילע פריינד דורך די אַלע יאָהרען אין קליוולאַנד, און זיין ביאָגראַפיע איז אַ וויכטיגער בייטראַג צו פאַרשפּרייטען דאָס אידישע וואָרט.

סידני גאָרדאָן.

* * *

עס איז אַ פיינער אויפטהו, דאָס דרוקען די ביאָגראַפיע פון אַ אידישען כלל טוער און געשעפטסמאַן, און איך באַגריס מר. פּאָול בערנצווייג צו דער געלעגענהייט.

חזן אברהם קאַנטאָר,

פון אידישען צענטער אין קליוולאַנד.

* * *

מיר באַגריסען אונזער חשוב'ן מיטגליד פּאָול בערנצווייג., וועלכער איז איינער פון אונזערע אקטיווע מיטאַרבייטער.

יאָנג איזראַעל.

* * *

מיר באַגריסען אונזער עקס־פּרעזידענט און אַקטיוועו טוער פּאָול בערנצווייג. ער איז אַ וואוילער איד און אַ גוטער חבר.

צמח צדק נוסח האר"י,

מענדעל מאַדאָרסקי, פּרעזידענט.

באַגריסונגען

אַמעריקאַנער פּוילישע רעליף סאָסייטי

* * *

רב סילווערבערג

* * *

אליעזר לעווענטהאַל
פּרעזידענט פון חיבת ירושלים שוהל

* * *

מר. בען קעניגסבערג

* * *

מר. סאול בררגודאַ

* * *

חזן יעקב לעפקאָוויטש

* * *

ראַבאַי ג. דיילין

* * *

באַרנים דעליקאַטעסען און רעסטאָראַנט
איסט 105-טע סטריט

* * *

אידישע מלחמה וועטעראַנען, פּאָסט 14

באַגריסונגען

רייט דרעס קלאָטהס, ניו יאָרק.

* * *

בעווערלי קלאָהטס, ניו יאָרק.

* * *

סוואַן קלאָטהינג קאָמפּאַני, מ. באָדערמאַן

* * *

סאַול וואָלק און סאָנס, פּיטסבורג

* * *

שארית יעקב עדדי ראָוד צענטער

* * *

מאָריסאָן בעטהס, מר. גאָרדאָן

* * *

מר. יודעל קליין

פּאַרקגייט עווענױ

* * *

מר. און מרס. גאַרבער

* * *

שערווינ'ס בייקערי

888 איסט 105-טע סטריט

* * *

באַגריסונגען

מר. און מרס הערי סיגעל

* * *

רוטמאַנ׳ס כשר ווײַן
סט. קלעיר עוועניו

* * *

אַמאַלגאַמייטד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן

* * *

הערי סטאָון
752 בראָדוויי, ניו יאָרק

* * *

מאָרדעי, פּראגער און נייטהען
7 איסט 17-טע סטריט, ניו יאָרק

* * *

לואיס ליוואַי
עליזאַבעט׳ סטריט, ניו יאָרק

* * *

קייטעי בראָדערס
ניו יאָרק

באַגריסונגען

רבי מעקס פעלשין, ריידיאָ סיטי סינאַגאָג, ניו יאָרק

מר. און מרס. גילינאָף און פאַמיליע

לואיס בעררעט, קליוולאנד הייטס

אייב קוטאַש

מר. און מרס. סיסאָוויטש

אַלפרעד פּ. ניומאַן

ס. בעלל

רעוו. אליהו דאַווידאָוויטש

א. הערשקאָוויטש, וויים פּרעזידענט פון מאַרמאַראָשער שוהל

דזשאָ דזשייקאָבס, פּרעזידענט פון מאַרמאַראָשער שוהל

אלעקסאנדער קאהן, סעקרעטאר פון מאַרמאַראָשער שוהל

לואיס בראָדסקי, וויים פּרעזידענט פון טעטיעווער שוהל

פּ. טאַווינסקי, פּרעזידענט פון טעטיעווער שוהל

מר. און מרס. ל. שטייגער

הרב ישראל בערגער

מר. און מרס. ראָזען, פּרעזידענט פון גראָדנער שוהל

דזשאָ אייזנער

באַגריסונגען

אַדאָלף אייזנער

זרבבל הערוואַלד

מעני ראַקער, אַרויסגעבער פון די „אידישע וועלט“

מר. און מרס שאַמעס און פאַמיליע

מר. און מרס. לעאָ קעין און ביל קעין, עקראָן, אָהייאָ

פעדער און בענסאָן, ריליייענס אינשורענס, סוועטלאנד בילדינג

לעאָ קאַמין

רעוו. און מרס. סענדערס

מר. און מרס. יהודה גאָטליב

מר. און מרס. הערמאַן, עקס פרעזידענט פון דער ישיבת עדת בני ישראל

קאָמאַנדיר דר. גילבערט, אידישע מלחמה וועטעראַנען

דזשאָו דענטיין און פאַמיליע

חזן און מרס. אַלפערט

באַגריסונגען

ה. עטקין

לואיס מאַכלים

אַי. גרומעט

ר. פּ. בלום

מ. דזש. דאַלאַוועך

ניו דרעימאַן דריי קלינינג

מאיר גענדעל

הערי ברעגשטיין

היים טולטשינסקי, היימאַנ׳ס כשר בוטשער סטאָר
874 איסט 105־טע סטריט

אליהו ווייסבערגער

הערי ליפּמאַן

לעאָ י. טאַליסמאַן

אַי. בראַמסאָן

מר. און מרס. דזשוליוס שווייד

דר. סילווער

דר. אי. מ. מאַרקס

דר. סעמיועל בראַון

באַגריסונגען

ר' משה לעפקאָוויטץ, אייגענטהימער פון מואווי הייזער אין קליוולאַנד.

מר. און מרס. הערמאַן און לאה וואַלאַך

מר. און מרס. גבריאל פייגענבוים

מר. און מרס. גאָלדבערג

קאַונסל. דייוויד פּעריז

מר. און מרס. איתמר קאַטץ, פּאַרקסייד דרייוו.

מר. הערי וויים, פּרעזידענט פון גאַליציאַנער שוהל

מר. מעקס האָפמאַן

הרב מנחם מענדעל עקשטיין, דרעקסעל עוועניו

הרב י. בערגער, פון אהבת ישראל שוהל

הרב צמח זאַמבראָווסקי, פון דער הייטס אָרטאָדאָקסישען אידישען צענטער

חזן ר' נפתלי יאַללעס, ניו יאָרק

סידני קראַוז (צדוק'ל) חזן און זינגער פון קליוולאַנד

אוירווינג שיינים

מר. און מרס. שיינים

מר. און מרס. סייגער

באַגריסונגען

חזן אליהו זאַלודקאָווסקי, אוהב שלום קאָנג., פּיטסבורג

מר. דזשאָו קליין, פּרעזידענט שארית ישראל קאָנג. עז״די ראָוד צענטער

חזן קלמן ספּיוואַק

מר. און מרס. א. סעגאַל

דר. טשאַרלס שווייד

הבחור המופלג חיים סייגער

מר. און מרס. הערשבערג, מענעדזשער פון מאנהעטען טעאטער.

דר. בערנאַרד מאַרטאַן, ספרדישע שוהל באָראָ פּאַרק, ברוקלין, נ. י.

חזן יצחק מאיר פּאָדעצקי, קאָנג. אור חדש אנשי ספרד, איימאַר עוועניו

חיבת ירושלים קאָנג. ר׳ אליעזר לעווענטהאל, פּרעזידענט.

מר. און מרס. דן וויים, פּרעזידענט פון קינזמאַן אידישען צענטער

חזן און מרס. א. נאָטי, קינזמאַן אידישער צענטער

מר. ישראל ברענים, מיטגליד פון אידישען קולטור געזעלשאַפט איסט 105-טע סטריט

באַגריסונגען

מר. דזשאַן פּורס, טענאָר פון מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא, ניו יאָרק

מר. העראָלד שטערנבערג, מיטגליד פון מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא קאָמפּאַני

חזן שמאי שטערנבערג, ניו יאָרק

פריידעלע די חזנ'טע, ניו יאָרק

חזן משה אוישער, ניו יאָרק

לאָוער בראָדערס, דזשערי לעין קלאָטהס, ניו יאָרק

מר. גאָלדיש, יאָנג איזראַעל

מר. פרעדי לעפקאָוויטש

הרב משה לעפקאָוויטש

מר. בעני לעפקאָוויטש

מר. נייטהען לעפקאָוויטש

מר. שנייער, פילאַדעלפיא

די אָהייאָ אָווערקאָוט מאַנופעקטשורינג, גאַליען, אָהייאָ

מר. הערי וויינראַוב

קאַונסילמאַן וויינבערג

קאַונסילמאַן דזשאַפע

באַגריסונגען

מאַרקאָוויטץ בראָדערס — דזשייק און הערי

מר. אַסטער

מר. און מרס. דייוו לעסער

מר. און מרס. פיינגאָלד, סאַקראַמענטאָ, קאַליפאָרניע

מר. און מרס. בען לעווין, פּראָפעסאָר

מר. און מרס. בען אַרשאַם

מר. און מרס. נייטהען האָראָוויטץ

ניסן אַלטשולער

מר. דוואָרקין

מר. און מרס. משה סיגעל

מר. נייטהען סיגעל

בית המדרש הגדול אנשי גאליציע, לואיס שרייבער פּרעז.

דעוו. און מרס. זאַלמאַנאָוויטץ, שיקאַגאָ

מר. און מרס. סאַפּירשטיין און פאַמיליע

קליוולאַנד פרענדשיפּ קלאָב

לואיס מ. גוטענבערג, וואודסייד, ניו יאָרק

פרעד פייגענבוים

באַגריסונגען

דר. לעסטער קראַוז

פּאָול ספּייק

הרב ל. ענגעלבערג, אוהב צדק שוהל

מר. און מרס. שוואַרץ

חזן א. אולמאַן, טאָלידאָ, אָהייאָ

ניומאַן רעקינג קאָמפּאַני, עדי ראָוד

מר. און מרס. דזשאָו וויים

אַי. סיגעלמאַן

מ. וויים, מעקיספּאָרט, פּאַ.

דר. סידני קליין

גאָרדאָן לאַגעדוש שאַפּ

סערע לאַנדעסמאַן

מעקס שניייער, 40 נ. האָוארד, עקראָן, אָהייאָ

הרב נ. סטעמפּפער, אידישער צענטער, עקראָן, אָהייאָ

סעם פירסט, יאָנגסטאַון, אָהייאָ

אידישער צענטער, איסט 105־טע סטריט, קליוולאַנד

מר. און מרס. בערמאַן, פּרעזידענט אוהל יעקב שוהל,

באַגריסונגען

הרב ר' משה העלפּאַן
עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון טעלזער ישיבה

משה און בעלל קאַטץ

מר. און מרס. לואיס סעגאַל